STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03454

POSHET MITOKH LIBSHAFT

Itzik Vainshenker

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אוזיק ווײַנשענקער

פשוט מתוק לובשאַפט

פאַרלאַג „זריעה"

מאָנטעווידעאָ 1955

IMPRESO EN EL URUGUAY
PRINTED IN URUGUAY

COPYRIGHT BY
ISAAC VAINSENCHER
CHARRUA 2243/3
MONTEVIDEO

ITZIK VAINSHENKER

POSHET MITOIKH LIBSHAFT

(Simplemente por cariño)

MONTEVIDEO
1955

א י נ ה א ל ט :

א. אַ בילדער־אויסשטעלונג פון רפאל מאנדעלצווייג — — 7

ב. כלה־בריוו צו פראָמעטן פון משה מענדעלסאָן און ליבע־
בריוועלעך צו פרומעטן פון קעהאָם קליגער — — — 19

ג. „די גליקלעכע" פון אליעזר שטיינבארג — — — — — 31

ד. באַלעסלאַוו לעווין — פון דער נאָענט — — — — — 55

ה. „אין אַ פאַרוואָרלאָזטן דאָרף" פון מענדל מאַן — — — 65

אַ בילדער אויסשטעלונג פון רפאל מאנדעלצוויינ

מאלערס, שרייבערס, לערערס, מיליטער־לייט, ארבעטער, פויערים, טראמוויי־קאנדוקטארס — אלץ איינס, נישט ס'פאר איז דאס וואס שאפט דעם הויפט־חילוק צווישן איין מענטש און אנדערן.

דער הויפט־חילוק צווישן איין מענטשן און אנדערן ליגט אין דער באציונג פון א מענטש צו זיינע מיטמענטשן, א באציונג וואס קען קו־מען צום אויסדרוק דורך זיין באטרעפנדיקער באשעפטיקונג.

עס זיינען שוין געווען פאלן אויף דער וועלט, ווען רייכע תבואה־פראדוצירערס (גוטבאזיצערס) האבן בארעכנט, אז הגם זיי קענען דאס יאר האבן א זייער פיינעם שניט, וועלן זיי, אבער, נאך אלץ מער פארדינען אונטערציענדיק די גאנצע תבואה, דערפאר ווייל די פארזיכערונגס־געזעלשאפט וואלט זיי, אין אזא פאל, געמוזט צאלן א פיל העכערע סומע, ווי די, וואס זיי קענען פארדינען באם פארקויפן זייערע פראדוקטן. און אבי זיי זיינען געווען זיכער אז זיי האבן ריכטיק אויסגערעכנט — האבן זיי געצונדן. דאס הייסט, אז זיי זיינען געווען זייער פראקטישע גוטבאזיצערס, אבער גארנישט קיין ערלעכע תבואה־פראדוצירערס, ווייל אז ערלעכער תבואה־פראדוצירער באשאפט תבואה פאר טויזנטער הונגע־ריקע און די תבואה וואס וואקסט אויף זיינע פעלדער — פילט ער — דארף אנקומען צו הונגעריקע מענטשן. דער דאזיקער מענטש פילט דאס לעבן פון אנדערע מענטשן און ער פילט זיך מיטפאראנטווארטלעך פאר זייער גורל.

אזוינס קאָן מסתמא פּאַרקומען אין יעדער „בראַנזשע".

מיט מאַנדלצווייגן קומט עס צום אויסדרוק אויף אַן אַנדער מין אופן:

ווי יעדער געזונטער מענטש וואָס קען מאָלן, וואָלט אים אויך געווען ליבער און נשמה־גלעטנדיקער צו מאָלן שטיקער הימל, קאַקעטיש־שפּילעוודיקע כמאַרעלעך, זון־אויפגאַנגען, שקיעהס, דעם ים, שיינע פרויען, געזונטע מענער — אַלץ וואָס איז זינגעוודיק און רייסט זיך צום לעבנס באַרג־אַרויף.

איז אָבער זיין צייטיקונג־פּעריאָד אויסגעפאַלן דאַן ווען אין אייראָפּע האָבן געבושעוועט מאַטאַריזירטע בעסטיעס און זייער קראַפט האָבן זיי בעיקר באַוויזן אויף זעקס מיליאָן פון מאַנדלצווייגס פאָלק.

האָט מאַנדלצווייג געפילט אַז:

אָדער ער מוז, ווי זיי, דאָרט, ברענען אַ לעבעדיקער, אומקומען אין די שרעקלעכסטע מיתות משונות, אָדער ער מוז זייער פּיין פאַרפיקסירן — מענטשן וועלן קוקן אויף די פאַרפיקסירונגען און מיט די אויגן זאָגן קדיש נאָך די „אַנאָנימע" קדושים.

און ווי יעדער געזונטער מענטש, וואָס קלויבט שטענדיק אויס דאָס לעבן — האָט אויך מאַנדלצווייג אויסגעקליבן דאָס צווייטע — מאָלן ז יי און ז יי ע ר טראַגעדיע.

ביי יעדער שוידערלעך בילד וואָס ער האָט געמאָלן, האָט ער אַליין איבערגעלעבט דעם שוידערלעכן פּיין פון זיינע „העלדן" און אויב מאַנדלצווייג קען נאָך אַזוי פיל איבערלעבענישן און מיתות משונות בלייבן לעבן, איז עס אַ דאַנק דעם „נס" וואָס איז דער קוואַל פון ז יי ן לעבן און פון ז יי ע ר אומשטערבלעכקייט.

די דאָזיקע בילדער וואָס האָבן מאַנדלצווייגן געגעבן דעם צונאָמען „מאָלער פון דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע" זיינען נישט קיין „שיינע". ווער ווייסט צי עס וועלן זיך געפינען אַ סך בעלנים זיי צו קויפן. ווער וועט עפּעס קענען עסן אַ זאַטן מיטאָג, דערביי שמועסן געמיטלעך מיט זיינע בני־בית, שפּאַסן, פילן הנאה פון דער נאָכמיטאָגדיקער מנוחה, ווען אַ קעגן אים, אויף דער וואַנט, וועט הענגען אַ בילד ווו האַלב־נאַקעטע פרויען מיט זויג־קינדער אויף די הענט ווערן געטריבן אין די גאַז־קאַמערן?

מאַנדלצווייג, פון זיין זייט, האָט גאָרנישט קיין גרויסן חשק צו פאַר־

קויפן זיינע בילדער צו יחידים. ווי דער העלד פון סאוועטישן פילם „די שטיינערנע בלומען" וויל ער אויך אז זיינע שאפונגען זאלן זיין א קנין פון מאסן מענטשן, פון גאנצן פאלק. ער וואלט געוואלט זיי אריינברענגען אין עפנטלעכע זאלן, אין מוזייען, קולטור און געזעלשאפטלעכע אנשטאלטן.

דאס בילד נומער 105 וואלט איך אנגערופן „דער נאקעטער אמת".

עס שטעלט פאר צוויי יידישע קינדער און א הונט. איין יידיש קינד ליגט שוין א טויטס און אן אויסגעהונגערטער הונט „נעמט זיך" דערצו. הינטערן הונט שטייט א צווייט קינד, נאך א לעבעדיקס, פונקט אזוי נאקעט־אומבאשיצט ווי דאס טויטע, און פרווט נישט־דערלאזן אז דער הונט זאל עסן זיין חבר׳ל צי זיין ברודערל, ווער ווייסט. דאס לעבעדיקע יידישע קינד איז איינגעהילט אין א פאר צעפליקטע שמאטעס און עס איז מיט זיי אזוי נישט אנגעטאן, אז זיין געשלעכט־ארגאן בלייבט א נאקעטער.

דער נאקעטער געשלעכט־ארגאן, די שרעק אויפן קינדס פנים, די גאנצע אומבאהאלפנקייט און דער גאנצער עלנט, — שאפן איין און אייג־ציקן פאקט: „דער נאקעטער אמת"...

דאס איז דער הויפט־מאטיוו פון די בילדער, וואס מאנדלצווייג שטעלט איצט אויס.

— ווי קען איך — האט געפילט מאנדלצווייג — מאלן בילדער פון זון און פרייד, פון געלעכטער און געזאנג, פון זאטקייט און נחת, בעת דער נאקעטער אמת פון מיין פאלקס אומגליק איז איצט אזא מין א, ווי אויף אט די בילדער?

אבער מאנדלצווייג האט אויך אנדערע מאטיוון.

ער האט אויך מאטיוון פון קאמף, פון רוף צו חשבון מיטן שונא.

אט איז די מאנומענטאלע געשטאלט פון רב זאוואדא.

א פאר אויגן וואס זיינען געווינט צו קוקן מילד. אויגן פון א מענטשן, וואס איז געווינט צו טרייסטן, אויסצורייחדן, שלום צו מאכן צווישן מאן און ווייב, ליבן א ייגנגעלע א מתמיד. און דא צווינגט גאר דאס לעבן דעם רב צו ווערן א פארטיזאנער, א „שפוך חמתך"׳ניק!

ווערט ער עס.

און מאנדלצווייג מאלט אים. און ער מאלט אים פונקט אזוי ווי עס כאראקטעריזירט דעם רב דער דיכטער נחמן ראפ אויף זיין אופן:

„עס קען אויך געשען, אז אין דער
שטילקייט פון א טויב

זאָל זיך אַ צאַרן און אַ האַס
אַזאַ אַנטפּלעקן,
וואָס טאָן זאָל ער זיך, ווי אין
אַדלער־פלי אַ הויב
און יאָגן זאָל דעם שונא
אויף מיילן, אויף שטרעקעס".

פאַראַן אויך אַנדערע מאָטיוון ביי מאַנדלצווייגן. מאָטיוון שלווה־דיקע, אַלערליי.

אַט איז אַ רויב־פויגל, אַ גזלן מיט... טרויעריקע אויגן און אַ פויגל־טאַטע, אַ מסירת נפשדיקער באַשיצער פון זיין ווייב און קינדער, מיט אויגן — רואיק־מילדע פון אַ געראַכטן.

אַ מאַמע מיט אַ זון, וואָס קוקן צו, ווי עס ווערט פאַרברענט זייער „ביז היינט"; אויפן שוים ביי דער מאַמען ליגט אָבער אַ פּיצל קינד אַ „פון היינט". — קען דען נישט אַ „פון היינט" זיך אַמאָל אַזוי אָנצינדן ווי אַ נר־תמיד?...

אַ מאַן און אַ פרוי מיט פּעקלעך. מען גייט אין דער וועלט אַריין באַלאָדענע מיט פּעקלעך.

זי אַ רעזיגנירטע מיטגייערין; ער — אַ נישט־געצוימטער ווייטער־גייער;

איר פּעקל ציט בפירוש אַראָפּ. זיין פּעקל, אויפן רוקן, שטויסט אים ווייטער, ווייטער...

אַ סך פאַרזשמורעטע אויגן. מאַנדלצווייג אַליין האָט אויך פאַר־זשמורעטע אויגן, וואָס קוקן מיט אַזאַ מין פעסט אַנטשלאָסענער פאַר־זשמורעטקייט, ווי זיי וואָלטן געזאָגט „אונדז וועסטו שוין נישט פאַר־נאַרן זיך צו צעעפענען. מיר ווייסן שוין דעם סוד: וואָס שמעלער גע־קוקט — אַלץ ברייטער געזען"...

זיי קוקן אַזוי קאָנצענטרירט פאַרזשמורעט, ווי ביים גרייטן זיך צו טרעפן אין ציל אַריין. גלייך ווי דער גאַנצער שטח פון דעם אויג וואָלט זיך אַריינגעפּרעסט אין דער שמאָל־פאַרזשמורעטקייט און פון דער שטח־דיקייט איז גאָר געוואָרן פייל־שפּיציקייט...

אָבער ווו מאַנדלצווייג זאָל נישט האָבן אויסגעשטעלט, וואַרשע, וראָצלאַוו, פּאַריז, ציריך, ריאָ דע זשאַניירא, האָבן דעם טיפסטן רושם געמאַכט

די בילדער ווי מען געפינט דעם אפרוף פון קינסטלערס הארץ צו די לײדן פון זײנע ברידער־יידן.

ס'איז זייער וויכטיק וואס עס זאגט דאס פאלק. וואס עס זאגן פשוטע מענטשן.

דעם 17־טן מארץ, 1947, האט אין פאריז געשריבן א ייד וואס איז באהויכט מיט דער פראנצויזישער פארם פון גערעכטיקייט־פארטיידיקונג:

„אייערע בילדער וועלן זיין אן עדות פון אונדזער „מיר באשולדיקן”.

איר האט דערפילט א „היסטארישע מיסיע”. — מ. סולקיס, גענעראל סע־קרעטאר פון „פועלי ציון־התאחדות”.

דער ייד האט דערזען אין מאנדלצווייגן א זאלא'ישן קריוודע־אנעמער פון מיליאנען דרייפוסעס.

א סערטיפיקאט:

„די בילדער פון געטא זיינען ריכטיק אפגעמאלן”. — בערל רעדאר.

דאס האט געשריבן א ייד, וואס איז געווען אין געטא און זאגט נישט, אז מאנדלצווייג האט ריכטיק „געמאלן”, נאר אז ער האט ריכטיק „אפ־געמאלן”...

דעם 14־טן אפריל 1946, האט איינער, וואס שרייבט זיך אונטער נישט מער ווי „ביטער”, אנגעשריבן:

„טייערער קינסטלער מאנדלצווייג, מיט אייער שאפן און מאלן טוט איר א גרויסע נאציאנאלע ארבעט”.

יוסף גליקמאן שרייבט דעם 8טן נאוועמבער, 1946:

„א גרויסער אויפטו; מיט יראת הכבוד קוקט מען אויף אייערע בילדער”.

און ווי אזוי זאל זיך מאנדלצווייג נישט פילן ווי איינער וואס מען פאדערט פון אים, ווען נאכן זען די אויסגעשטעלטע בילדער, נעמט איי־נער א י. עטטער און שרייבט אן:

„געערטער פריינט קינסטלער, ווענדעט נאך מער אויפמערקזאמקייט דער געטא־עפאפייע, דעם חורבן און דעם רום”...

דעם 10־טן נאוועמבער, 1946, שרייבט יעקב פיכטענבוים:

„די איבערלעבענישן און אומענטשלעכע לײדן פון יידישן פאלק זיי־נען פאראייביקט געווארן דורך ר. מאנדלצווייג מיט אלע גרויליכקייטן. איך ווינטש דעם קינסטלער ווייטער צו שאפן אין ארץ ישראל, בילדער פון שאפונג און בויאונג און דערמיט באווייזן, אז עם ישראל חי”.

יעקב פענטל שרייבט:

„אייערע בילדער זיינען רעאל. מען זעט און מען פילט די מארטיראָ־לאָגיע פון יידישן פאָלק. די בילדער רופן צו נקמה. קענטיק א הייסער ייד האָט עס געמאָלן".

און הערט ווי אינטים עס רעדט א ייד, נאָטאַן פיאַסקאָווסקי, דעם 29־טן נאָוועמבער, 1946:

פריער שטעלט ער אוועק א קעפל צו זיין דערקלערונג:

„אנשטאָט בלומען אויף די קברים פון מיין אומגעקומענע משפחה".

און דערנאָך דערקלערט ער:

„אין די בילדער פון דעם קינסטלער מאַנדלצווייג וועגן געטאָ אין וואַרשע, זע איך דעם טראַגישן טויט פון די גאָענטסטע מיינע, טאַטע און מאַמע, שוועסטער, ברידער און קינדערלעך. דאָס איז דאָס שענסטע געשאַנק וואָס דער קינסטלער מאַנדלצווייג האָט געגעבן מיט זיין גרויסן טאַלאַנט די צוריקגעקומענע וואַרשעווער יידן פון ראַטנפאַרבאַנד. אין די בילדער זעען מיר אין דער גאַנצער נאַקעטקייט דעם העראָישן טויט, וואָס אונדזערע מענטשן האָט געטראָפן. און דערפאַר דרוק איך אויס מיין אנערקענונג דעם קינסטלער ר. מאַנדלצווייג, וועלכער האָט זיי געשטעלט אָט די לעבעדיקע מצבה. און אָט דאָס (די דאָזיקע רייד) זיינען מיינע בלומען אויף דעם קבר"...

מען דאַרף בפרוש האָבן מיט וואָס צו קענען געווינען אַזאַ מין צו־טרוי.

די אייגענע דעפיניציע פון „מצבה", גיט פאַר מאַנדלצווייגס בילדער א צווייטער ייד, אָבער אביסל אַנדערש:

„א מצבה מיינע נאָענטע — אזוי און נישט אַנדערש זע איך און באַנעם אייערע בילדער געווידמעט אונדזער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט. איך פיל און לעב־איבער דעם צער און פיין פון מיין מוטער און שוועס־טער. כ'זע אין אייערע בילדער די לעבעדיקע עדות פון אונדזער טראַ־געדיע. אייערע בילדער וועלן פאַראייביקן דאָס, וועלן אויך דערציילן די קומענדיקע דורות, ווי צו לעבן און קעמפן. א גרויסן יישר־כוח, א סך געזונט און דערפאָלג פאַרן פאַרזעצן אייער ארבעט און פאַרייביקן אונדזער מאַרטיראָלאָגיע, אונדזער לעבן און קאַמף.

א פשוטער מענטש —

מרדכי אַלירמאַן".

גוטע גוטערמאַן שרייבט דעם 27־טן סעפּטעמבער, 1946, אין לאָדזש:
„אַ דאַנק דעם קינסטלער פאַרן איבערגיסן די טיפסטע לײדן פון אַ פאָלק אין שײנקייט פון פּאָעזיע. אפשר וועט דאָך די קונסט העלפן אויסלייזן די וועלט פון יאוש".
שמואל יעזשערקאָווסקי, שרייבט דעם 17־טן אויגוסט, 1946:
„די אויפגאַבע פון יעדן מענטש איז פאַרברייטערן די נאָך נישט קלאָרע געפילן און פאָרשטעלונגען פון דעם פּשוטן מענטש. מאַנדלצווייג טוט דאָס".

רפאל מאנדעלצווייג: ברודער און שוועסטער אין וואַרשעווער געטאָ

אידים שאָלעם דערקלערט:
„דאָס האַרץ ווערט צעריסן פון ווייטיק און אָנגעפולט מיט פרייד. מיט ווייטיק — באַם זען דעם אומגליק; מיט פרייד — ווייל מען זעט,

אז עס האט זיך געפונען צווישן אונדז א קריוודע־אנעמער, אויף זיין אופן..."

און וואס זאגט א רבי?

אט וואס ער זאגט:

„די בילדער פונעם טאלאנטפולן מאלער רפאל מאנדלצווייג האבן מיך דערמאנט אין יענע פינצטערע, האפענונגסלאזע טעג פונעם לעמבערגער געטא און לעמבערגער פארניכטונגס־לאגער, דעם „יאנאווער לאגער". דער קינסטלער האט מיט זיינע אויגן, מיט אלע פיבערן פון זיין נשמה, ארויסגעפילט די יידישע נויט און פיין, הגם, ער איז דעמאלט געווען געאגראפיש ווייט פון דעם גהינום. דערין ליגט זיין גרויסקייט. דווקא אין דער אינטואיציע. אינעם ארויספילן און מיטפילן פון אלץ דעם, וואס איז דא, מיט אונדז, פארגעקומען.

הרב דר' דוד כהנא"

און א פאליאק מיט א גלאט־ראזירטן קאטוילישן פנים האט געזען די בילדער און דערפילט, אז ער איז עפעס שולדיק יידן. ווי אזוי עס ארויסווייזן?

שרייבט ער:

„ווי א צייכן פון סאלידאריטעט מיט יידן, — פארלאז איך זיך פון היינט און ווייטער א בארד, אזוי ווי די וואס ס'האבן געטראגן די אומגעקומענע יידן".

מאנדלצווייגס בילדער אפעלירן צום געוויסן. זיי רייסן שטיקער פונעם צוקוקערס געוויסן.

און וואס איז מיט די אומגעקומענע?

דו דרייסט זיך ארום צווישן די בילדער און עס ווייזט זיך דיר אויס, אז אויך זיי זיינען דא דא און אז דו כאפסט אויף דאס שטילע פליסטערן פון זייערע ליפן:

„ווען אונדזער הויט האט זיך געפרעגלט, ווען אונדזערע ביינער האבן זיך געקארטשעט אין פייער, ווען אונדזער אש איז געטראגן געווארן פון ווינטן, איז דעמאלט מאנדלצווייג געשטאנען פאר דער ברירה פאר וועלכער זיין געוויסן האט אים אוועקגעשטעלט: אדער אויך פארברענט צו ווערן, אדער צו דערציילן אונדזער פיין האט ער געטאן דאס צווייטע".

ער האט גאנץ גוט געוווסט, וואס ער נעמט זיך אונטער. ער האט גע־

וווסט, אז בכדי זיך צו באפרייען פון טויט־אורטייל מוז מען זיך עס פאר־דינען מיט דערגרייכונגען. האט ער געטאן אלץ וואס ער האט געקענט.

איז ווי זשע קענען מיר צו אים האבן טענות?

מיר ווייסן דאך גאנץ גוט, וואס עס הייסט טאן דאס לעצטע וואס איז די כוחות אויף צו בלייבן לעבן?

אדער מיינט איר נאך אלץ, אז מיר האבן נישט געטאן אלץ?..

אין מאנדלצוויינגס ארויסברענגען דעם לעצטן פרעגל־קוויטש פון אונ־דזער הויט, איז דא זיין פארדינען זיך ס'לעבן.

אין מאנדלצווייגס ארויסברענגען דעם בליק פון די וואס שטייען פאר דער לעצטער שוועל, איז דא דאס פארדינען זיך א לעבן אן שוועלן.

אין מאנדלצווייגס ארויסברענגען די טראגעדיע פון א לעבעדיק אויג, וועמענס לעצט קעמערל גיט זיך אונטער דער קראפט פון פארגיכטנדיקן פייער, איז דא דער נצחון פון היסטארישער אמת־זעעוודיקייט איבער ליגן־פינצטערניש.

אזוי פליסטערן זייערע ליפן צו אונדז פון יענער זייט — פון „יענער זייט" וואס איז די אייביקייט.

קען עמעצער פון „דער זייט", וואס איז אזוי באגרענעצט און דיר־מענסיאנעל־סדום־בעטלדיק, זיך אונטערנעמען עפעס ביי זיי אפצופרעגן?...

* * *

ווען מאנדלצווייג וויל זיך אפרוען, אפרוען זיין צעווייטיקטע נשמה, מאלט ער אמאל קעפ פון בוכארער יידן, פון אוזבעקן, זיין פרוי, די אייגענע קינדער, פייסאזשן.

ווינטשן מיר, אז ער זאל פון איצט און ווייטער זיך קענען פארגינען צו מאלן דעם ים, א בוים, א גארטן, בלומען, א שטיק הייפל, דעם מא־יעסטעטישן „שטעל" פון א קעמל. א „שטעל" וואס פון זיין מאיעסטעטיש־קייט ווערט גארנישט געמינערט, אפילו ווען דאס קעמל איז איינגעשפאנט...

זאל שוין פון היינט און ווייטער מאנדלצווייג וואקסן ווי א שותף פון א יידישן און אלמענטשלעכן לעבן, וואס גייט בארג־ארויף, א זינגענדיקס.

כלה-בריוו פון משה מענדעלסאָן
און
ליבע-בריוועלעך פון קעהאָם קלינגער

נוועקאן — מיין איינציקער

„באמערקונגען" בלויז — די דאזיקע באווארעניש שטעל איך אוועק, דערפאר ווייל איך נעם זיך נישט אונטער צו גיבן אין די וויטערדיקע שורות קיין גרינטלעכן אנאליז פון די צוויי ביכלעך. זאל עס קלינגען נאיוו, אבער איך בין זיך מודה: איך גלויב, אז וועגן קעהאם קליגערס „ליבע־בריוועלעך צו פרומעטן" איז דא א סך וואס צו זאגן, דערפאר ווייל עס איז דא זייער א סך פון זיי ארויסצוהערן. די יעניקע וועלכע גיבן זיך אפ מיט דער געשיכטע פון יידישן לשון און מיט דער געשיכטע פון שאפונגען אויף יידיש, וועלן א סך געפינען אין קעהאם קליגערס ניי לידער־בוך. און עס איז גארנישט וויכטיק ווען עס וועט געשען: אין א פאר יאר ארום צי אין הונדערט יאר ארום. אבער געשען וועט עס. מיר איז באמת ווויל: איך גלויב אין דעם.

און שעפן מאטעריאל פאר זייערע פענען וועלן אין קעהאם קליגערס ביכעלע, חוץ ליטעראטור־קריטיקער, אויך מענטשן וואס וועלן שטודירן יידישע לינגוויסטיק, יידישן פאלקלאר, יידישן לעבנס־שטייגער אין א באַ־שטימטער תקופה; די „ליבע־בריוועלעך" וועלן קענען זיין א פאקטאר ביים רעסטאווורירן יידיש לעבן פון א געוויסער צייט. און אפשר וואלטן זיי אויך גענוצט אלס אינספיראציע־מאטעריאל פאר א פילם וועגן יידיש

לעבן? און וועט מען דען נישט קענען אריינעמען געוויסע „בריוועלעך" אין לערנביכער פאר תלמידים אין יידישע גימנאזיעס? אין לערנביכער וועגן יידישער דיכטונג פאר סטודענטן, פאר יוגנטלעכע בכלל?

אבער דא, ווייטער, וויל איך נאר דערציילן די לייענערס עפעס, וואס איך אליין האב זיך ערשט נישט לאנג דערוווסט. אפשר וועט עס אויך פאר זיי זיין אינטערעסאנט. אפשר קען מען פון די פאקטן ציען אויך א באשטימטע מסקנה.

אט וואס:

פונקט ווי קעהאס קליגער האט אין די לעצטע פאר יאר, צי בלויז אין 1952, אנגעשריבן אין בוענאס איירעס זיינע „ליבע-בריוועלעך צו פרומעטן", האט דער געניאלער יידישער דענקער, משה מענדעלסאן אין 1861 - 1862 געשריבן אין בערלין זיינע „בראוט-בריעפע" — כלה-בריוו, צו זיין כלה, פראמעט. פראמעט גוגענהיים פון האמבורג.

פארשטייט זיך, אז מענדעלסאן האט זיינע בריוו געשריבן נישט לשם קונסט, נאר לשם אויסגיסן זיין בענקשאפט און זיינע געדאנקען פאר זיין כלה של מטה, בעת קעהאס קליגער שרייבט אפשר צו א געליבטער של מעלה. אבער א סמיכות הפרשה איז צווישן די ביידערליי בריוו דאך פאר־ראן. און נישט דווקא דאס וואס ביידע געליבטע רופן זיך כמעט מיט דעם אייגענעם נאמען: פראמעט-פרומעט. ניין. עפעס מער: די בריוו צו ביידע זיינען געשריבן אין יידיש. די ערשטע אין א יידיש פון 1761 און די צווייטע — אין א יידיש פון 1915 בערך, אבער ביידע אין יידיש — דאס לשון פון אינטימקייט ביי זיי ביידע. יא, אויך ביי מענדעלסאנען. ביי דעם מענדעלסאן, וואס האט אזוי שיין געמיינט עפעס אנדערש, און נישט-ווילנדיק אזוי מיאוס אפשר גורם געווען צו גאר עפעס אנדערש. יא, אט דער מענדעלסאן ווענענם געדאנקען האבן געהאלפן אפטויטן יידיש לשון צווישן די דייטשישע יידן, אט דער אייגענער מענדעלסאן האט דאס וואס איז געקומען פון די טיפענישן פון זיין הארץ און געוואלט צילן אין די טיפענישן פון זיין כלהס הארץ — געשריבן אויף יידיש.

זאלן מיר אים משפטן און פארמשפטן פאר אומקאנסעקווענטקייט?

כ'ווייס נישט!

עס איז אזוי: מענדלסאן האט אין זיין דראנג צום „וועלטלעכקייט"-אידעאל „געזען", אז מען מוז זיך „באפרייען" פון לשון יידיש. אים איז געווען זייער לייכט צו קעמפן קעגן יידיש-לשון, ווייל האט עס דען גע־

הייםן, אז ער אליין זאגט זיך אפ דערפון? חלילה! זיינע טאטע־מאמע האבן צווישן זיך און מיט אים גערעדט יידיש. יידיש האבן אויך גערעדט מיט זיי און צווישן זיך זייערע שכנים. קרובים און גוטע פריינט. איז דאך גע־ווען א צייט ווען דייטשישע יידן האבן גערעדט יידיש. האט דען גליקל פאן האמעלן נישט געשריבן אירע זכרונות אויף יענעם יידיש? און היינ־ריך היינעס מאמע, איז א סברא האט אויך געשריבן אויף יידיש, פונקט ווי די ערשטע ראטשילדס. און אויף יידיש האט מענדלסאן געשריבן זיי־נע אינטימע בריוו פון א פארליבטן צו זיין כלה. ער האט געקעמפט קעגן עפעס, וואס ווייל ער האט עס פארמאגט האט ער נישט פארשטאנען, אז אויב ער וועט עס פארלירן, וועט עס אים דאן ווי טאן און אויספעלן. איז דאך אפט אזוי מיט פרייהייט און מיט נאך טייערע „זאכן" אין לעבן: מען פארשטייט ערשט גוט זייער ווערט ווען מען פארלירט זיי און מען „באַ־מערקט זיי נישט" כל זמן מען באדט זיך אין זיי.

טא וואס זאלן מיר אים באשולדיקן? איז דען אויך אונדזער דור נישט געווען אזא? אט האבן מיר, אין אונדזערע פריע פרילינג־יארן, געקעמפט פאר א נייעם וועלט־סדר און דערביי געווען אפיציעל גרייט זיך צו באגיין אן א סך „איבעריקע" זאכן: שבת, סדר, לשון קודש, יום טוב, פעטע סעודה יעדן פרייטיק־צו־נאכטס און אפשר אפילו אן מילה. אודאי איז עס אונדז געווען לייכט זיך צו באגיין אן דעם אלעמען דאן, ווען דאס אלץ איז זיך נישט באגאנגען אן אונדז: ווען מיר זיינען געגאנגען שפאצירן מיט חברה און צוזאמען מיט זיי „פארזארגן די וועלט", איז עס געווען נאכן האבן אפגעזעסן ביים סדר און בלית ברירה אים אויך מיטגעפראוועט; ווען שבת האבן מיר געמוזט זיך אנטאן שענער ווי א גאנצע וואך און מיטעסן מיט דער גאנצער משפחה די שבתדיקע מאכ־לים און געניסן פון דער שיין פון שבת־ליכט; ווען „טראץ" אונדזערע אויפגעקלערטע אנשויונגען האט מען אונדז גארנישט געפרעגט און באַ־צייטנס אונדז אפגעמלט און אויך אריינגעהאקט אין קאפ און אין הארץ דאס העברעאישע לשון, שטיקער צי גאנצן תנ"ך, און ווי ווען — אויך רש"י, אדער א בלאט גמרא. ביי אזעלכע „לעבנס־אומשטענדן" — איז אונדז געווען לייכט אן דעם אלעמען זיך צו „באגיין".

אבער היינט, אז מיר האלטן שוין ביים זומער פון אונדזער לעבן און זיינען שוין אליין טאטעס פון קינדער — ווילן מיר, אז די קינדער זאלן טאקע נישט זיין קיין גראבע יונגען און חוץ יידיש זאלן זיי קענען,

ווי מיר אָדער מער, אויך לשון קודש, לשון העברעיש, לשון נצח ישראל; ווילן מיר טאַקע, אַז זיי זאָלן פילן דעם טעם פון אַ סדר, כדי בעסער צו באַנעמען דעם זין פון אונדזער באַפרייונגס־יום־טוב; ווילן מיר טאַקע אַפילו, אַז זיי זאָלן זיין געמלט — בלוטיק־געבונדענע צו אונדזער גורל; אַ גורל וואָס איז אַזוי שרעקלעך שווער און אַזוי וואונדערלעך גוט צו טראָגן.

אָבער נישט דאָס בין איך אויסן. אויסן בין איך עס צו זאָגן קעגן דעם, אַז מען קען אפשר היינט נישט באַשולדיקן מענדעלסאָנען. מען דאַרף זיך צוהערן צו זיך אַליין, פאַרשטיין זיך אַליין, קען מען אָנהויבן פאַרשטיין אויך אים.

ווייל וואָס קען מען טאָן, אַז דער גרויסער פאַרשטייער משה מענדעל־סאָן האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז מיר האָבן נישט גענומען ביי די דייטשן זייער דייטש און עס „קאַליע געמאַכט", נייערט געטאָן עפּעס אַנדערש. גענומען דאָס לשון פון די, צווישן וועלכע מיר זיינען מגולגל געוואָרן און עס איבערגעמאַכט און פאַראייגנט נישט נאָר אין זין פון פאָרמען, נאָר אויך אין זין פון מהות. מיר האָבן געזען, אַז לשון קודש קלעקט נישט פאַר די נייע לעבנס־באַדינגונגען, האָבן מיר בעסער אויסגעוויילט צו אַסימילירן אַ לשון איידער אַליין אַסימילירט צו ווערן. פאַרוואַנדלען פרעמדס אין אייגנס, איידער אויפצוהערן זיין מיר. און מעגלעך געווען איז עס, נאָר ווייל מיר האָבן דאָס דייטשישע לשון געענדערט. ווען מענדעל־סאָנס קינדער האָבן זיך „אומגעקערט" צום דייטשישן שפּראַכלעכן „מקור" זיינען זיי אַוועק פון אייגנעם, פון יידישן אומה־מקור. יאָ, מיר האָבן נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה. וואָלטן מיר נישט געווען מגולגל געוואָרן צווישן דייטשן, נייערט ערגעץ אין גערדיכטע, נישט־באַטראָטענע וועלדער און ברייטע, גרויסע, נישט־באַוווינטע פעלדער, וואָלטן מיר גע־ווען אויסגעקנאָטן אַ לשון פון צווייגן און בלעטער־שורשערייען, פון טייכ־לעך־פּליסטער, פון ווינטן־סודות און פון שטערן־ווינקען. מיר וואָלטן געווען געטאָן דאָס בעסט־מעגלעכע. דאָס אַלץ האָט מענדעלסאָן נישט פאַרשטאַ־נען. אָבער פילן האָט ער אַליין אַנדערש נישט געקענט ווי אַ ייד און דער־ריבער זיינען זיינע בריוו צו דער כלה — אויף יידיש.

דאָס ביכל בריוו מענדעלסאָנס וואָס איך האָב „אַנטדעקט" איז דער־שינען אין 1936 אין בערלין, אין שאָקען־פאַרלאַג, מיט לאַטייניש אָר־תיות. די בריוו זיינען אָבער געשריבן געוואָרן מיט העברעישע אותיות און עס איז פאַראַן אין בוך אַן אָפּגעדרוקטער פאַקסימיל. דער ערשטער



משה מענדעלסאָנס אַן אייגנהאַנטיקער בריוו צו זיין כלה, פראָמעט גוגענהיים

בריוו צו דער כלה איז דאטירט דעם 15־טן מאי 1761 און דער לעצטער צו איר — דעם 25־טן מאי 1762. צוריק מיט 193 יאר! געשריבן האט זיי משה מענדעלסאן פון בערלין, צו זיין כלה, פראמעט גוגענהיים אין האמבורג. אין דעם בוך זיינען דא בריוו, חוץ צו דער כלה אויך צו די מחותנים און צו אנדערע פריינט און גוטע פריינד. לויט אונדזערע היינטיקע יידיש־השגות איז עס כמעט דייטש געמישט מיט העברעישע ווערטער, אבער עס איז דאך נישט אזוי ווען מען קוקט זיך צו בעסער. עס זיינען פאראן אויפן דייטשן הינטערגרונט נישט נאר גאנצע העברעישע זאצן ווי לעבעדיקע שטיקער לכשעצמם, נייערט אויך ווערטער וואס בילדן טיילן פון זאצן, ווי למשל „אצל" אנשטאט „ביי". פאראן שוין דא „נית" אנשטאט „ניכט". פאראן דא ווערטער וואס זיינען נישט דייטש און נישט העברעיש. אט איז איינס אזא ווארט וואס איז נישט פארבליבן אין אונדזער לשון, אבער יידישע קינדער פון אונדזערע מקומות ווו מען רעדט שפאניש וועלן עס לייכט דערקענען: „מיינע ליעבע פראמעט! בערוהיגען זי זיך! ר' משה וועזעל איז היום בלילה גליקליך אררייווירט". דערקענט איר אט דאס לעצטע ווארט וואס איז גאר פון פראנצויזישן שורש?! און „רייזעלע" איז פאראן אין בוך נישט ווי א נאמען פון א יידיש מיידל אין א פויליש שטעטל. ניין, נישט ווי א נאמען פון מרדכי געבירטיקס א ליד, נייערט גאר ווי דער נאמען פון א חשובער דאמע אין מענדעלסאנס קרייז. און „איציק", אט דער אויסגעהוזקטער נאמען צווישן דייטשישע און רומענישע אנטיסעמיטן, איז דא א יידישער נאמען וועמען מענדעלסאן לאזט גרוסן אין איינעם פון זיינע בריוו: ושלום להבחור הרב ר' איציק העם ישמרהו צורו".

מיר וועלן דא נישט ציטירן קיין איין גאנצן בריוו, נאר א פאר קורצע שטעלן פון דער בריוו־זאמלונג, לדוגמא. ביים לייענען, פארגעסט נישט, אז דער אריגינאל איז געשריבן מיט העברעאישע אותיות, אזוי ווי מיר שרייבן היינט. און איצט זעט אן „עקר שכחתי":

„ע. ש. מחותני הקצין שיחיה בעליעבע צו איבערלייגן. בעלת ביתי האבע איך כמשיח לפי תומו זאנדירט, אויב זי געניינגט ווערע למחותנו הקצין ר' אליהו שיחיה אין זיינער אפערע צו דיענען, ומתשובתה שיינט זי דרין צו וויליגען. אצל האדון גראסקאנצלער־ושאר שרים איז זי זייער אנגעזעהען. ווען אלזא מחותנו הקצין ר' אליהו מיר אינפארמירן וואלטע, ווא זיין משפט עכשיו ליגט, אונד ווארין עס באשטייט, זא האפע איך

על ידי השתדלות בעלת ביתי תאריך ימים מער פועל צו זיין אלס דורך הבטחות הקצין ר׳ פייטל. אז גוטער מיינונג איז כאן כלל ניט צו צווייפ־לען. ערווארטע תשובתו.״

געחתמעט ווי שטענדיק:

„משה מדעסוי״.

און אט איז אז אנהויב פון א בריוו:

„ב״ה ברלין מש״ק ט״ז כסלו תקכב לפק״

ליעבסטע פראמעטו!

ערב שבת קודש העבר דעם מארגענס איזט ר׳ יוסף אנגעקומען, **אונד** איך האבע איציק העם נאך קודם שבת געשפראכן. שבת האט ער אצל ר׳ יוסף געגעסן״ אא״וו. אלץ מיט א שיין געציקלט כתב, וואס הערט אויף צו זיין אומלייענלעך, ווען דו ווערסט דערמיט אביסל היימישער.

און איצט — צו קעהאס קליגערס „ליבע־בריוועלעך צו פרומעטן״.

אויב מענדלסאנס בריוו זענען א שטיל, בצנעהדיק זינדיקן קעגן דער אייגענער אידעאלאגיע, זענען קליגערס לידער אן אפענער, טריומפאלער אויפשפיל אויף אן אינסטרומענט וואס האט אנגעהויבן לאזן הערן זיי־נע טענער ערגעץ אין בערלין, האמבורג צי ווענעציע און האט דערגרייכט דורך וואלין, ירושלים דליטא און ווארשע ביז קיין בוענאס איירעס און קיין תל אביב. דאס איז א יידיש וואס האט אויף זיך יענעם כשר־הייד ליקן הויך וואס מען קען טרעפן אויף בלויע פלוימען, ווען זיי הענגען נאך אויף דער צווייג, אין א זומער קאיאר; זיי האבן אבער אויך די שלמותדיקע באטעמטקייט, זאפטיקייט און זיסקייט וואס עס קען האבן אזא פרי בלויז ווען זי איז רייף, פולצייטיק — מעשה ידי הקינסטלער העליון להתפאר. עפעס איז דא אין די לידער אי די פרומקייט אי די הער־לעכקייט וואס איז אויסגעגאסן אויף א פרישן שניי וואס אנטפלעקט זיך פאר דיינע אויגן אין א ווינטער פארטאג, מיט זון־שטראלן וואס הויבן זיך דאן אן דורכצוברעכן דורך דער פראסטיקער לופט; ווען בלוילעך־גרויע רויכן ציען זיך צום הימל פון א סך שניי־באקוטשמעטע קוימענס. יא, אויב עמיצער האט געהאלטן קעהאס קליגערן פאר אן ארגענטינער־יידישן דיכטער, איז ער איצט אריבער גרענעצן און לענדער און געווארן אן ערן־בירגער פון דער אימפעריע „יידיש־וועלט״. און מיר דאכט זיך, און איך שטעל זיך איין צו זאגן, אז דאס אלץ איז געלונגען קליגערן, ווייל די „בריווע־

לעד״ זיינען געשריבן אויף א גאנץ אנדער לשון ווי זיינע ביז־איצטיקע לידער, ווי עס איז אפילו געשריבן די הקדמה צום איצטיקן בוך. עס איז אים געלונגען, ווייל ער האט זיך אומגעקערט צום לשון פון זיינע טאַטע־מאמע, צום לשון וואס עס האט גערעדט טאקע פרומעט אליין, צום לשון וואס ער אליין האט גערעדט ווען ער האט אנגעהויבן פילן דאס געזאנג וואס עס איז אים ערשט איצט געלונגען ארויסצוזינגען.

זעט אויס, אז ער האט נישט געהאט קיין אנדערע ברירה: ווען עס איז געקומען צום שענסטן און הייליקסטן — צום אויסגיסן די פערזענלעכע פארליבטקייט, האט ער זיך געטאן א קער צוריק צו דער אייגענער מאמעס לשון. אט אזוי ווי עס האט געטאן אויך מענדעלסאן. ביידע האבן געפונען דאס איין און איינציקע מיטל ווי זיך מתיחד צו זיין מיט זייערע טייערסטע מידלעך — דורך מאמע־לשון.

און עס איז שווער, זייער שווער, אויסצוקלייבן עפעס אין דעם לידער־ביכעלע צום ציטירן. ווייל עס איז שווער דא צו געפינען עפעס וואס זאל דיך נישט פארקלעמען ביי דער נשמה מיט זיין צארטקייט. אט א שטייגער, אזא „ליבע־בריוועלע״:

מיין מאמע האט אוירינגלעך,
זענען זיי נאך מיין באבעס;
זי טוט זיי אן אויף יום־טוב
און אויך צומאל א שבת.

גאלדענע, מיט דימענטלעך,
רונדע ווי האלבע לבנות;
זיי בלישטשען אקוראטנע,
ווי שטערן, בנאמנות.

זיי פארלייכטן די שטוב, פשוט —
מ׳קאן אין זיי נישט קוקן.
(מיין באבעס צניעות, פרומעטל,
האט אין זיי א תיקון.)

צום קנסמאל, זאגט מיין מאמע,
וועט זי זיי דיר שענקען,
כדי אין אירע אמהות
זאלסטו אויך געדענקען.

איז ווען זשע וועסטו, טייערע,
פאר מיר א כלה ווערן?
אוי, וועלן זיי דיר פאסטן,
די אוירינגלעך, ווי שטערן.

און ווייזט אויס, אַז ווען קעהאַס קליגער איז געגאַנגען אָפּדרוקן זיי־נע „ליבע־בריוועלעך“, האָט ער אַליין נישט געוווּסט ס׳אַרא אוצר ער גייט אונדז דערלאַנגען און געמיינט, אַז מען מוז זיי פֿאַרשטעלן מיט אַ הקדמה, פאַר זיי מאַכן אַ וועג, עפֿענען פאַר זיי די טיר! ס׳אַרא קינדישקייטן! ביי דער צווייטער אויפלאַגע דאַרפן די לידער דערשיינען נאַקעט, אַזוי ווי זייער באַשעפער האָט זיי געהאַט. ז יי נייטיקן זיך נישט, אַז מען זאָל זיי אַריינפירן. ווער עס זאָל נישט זיין.

איז דאָס טאַקע דער צד השוה צווישן מענדלסאָן דעם דענקער און קליגער דעם דיכטער. ביידע האָבן, לכשעצמם, געהאַט יעדער איינער זיין שפּראַך. מענדלסאָן — זיין דייטש. קליגער — זיין „מאָדערנעם“ יידיש. אָבער ווען עס איז געקומען צום אויסדרוקן דאָס קודש קדשימדיקע פון זייערע נשמות, זייערע פערזענלעכע ליבעס, האָבן זיי זיך באַגעגנט אויף דער מיט. זיי האָבן זיך באַגעגנט אין לשון פון די יידישע מאַסן פון זייערע באַטרעפנדיקע תקופות. עפּעס ווי קדמונדיקע אור־מענטשן וואָלטן געכאַפּט יעדער זיין „זי“ און אַנטלאָפן מיט איר, נישט אין דער אינ־טימקייט פון דער אייגענער הייל, נאָר אין דער אינטימקייט פון דעם אייגענעם פאָלקס לשון. מענדעלסאָן רעדט נישט צו זיין כלה אין דער שפּראַך אין וועלכער ער האָט זיך געקליבן צו ווערן וועלט־באַרימט. און קליגער? קליגער האָט במשך יאָרן מיטגעשאַפן נייע ווערטן אין לשון פון די יידישע מאַסן אין לשון וואָס ער האָט געטראָפן אַ פאַר־טיקס. אַזוי פאַרטיק ווי די וועלט אַליין ווען דער בורא האָט זי געטאָן אַ שטעל אַוועק פריייטיק פאַרנאַכט און זי דערלאַנגט דעם מענטשן צום רע־טושירן. האָט אויך קעהאַס קליגער רעטושירט און רעטושירט במשך אַ סך יאָרן און עס זיינען אַרויסגעקומען צענדליקער לידער. לידער־ביכער. און ער איז געווען צופרידן און לייענערס זיינען געווען צופרידן. אָבער ווען עס איז געקומען צום אויסדרוקן צו זיין פרומעטן דאָס וואָס ער האָט דער־פילט מיט 25 יאָר צוריק און וואָס האָט נישט אויפגעהערט טליען ביז היינט — האָט ער פאַרוואָרפן אַלע רעטושיר־עקספּערימענטן און גענומען שפּינען האַניק־פעדעם אין לשון פון דורות הינטער זיך.

און נאָר אַזוי האָט געקענט אַרויסקומען עפּעס, וואָס טוט פאַרפלייצן דיין געמיט מיט גליק־דערפילונג ווי בעת אַ זומער־פאַרנאַכטיקן רעגן. נאָר אַזוי האָבן געקענט אַרויסקומען אַזעלכע שורות:

קוק נאָר, פּרומעטל, ווי ס'שיט אַ שניי,
ס'זופּט זיך מעל פונעם הימל;
דאָס געסל, דאַכט זיך, איז אַ מיל,
אַז אַלטע מיל, וואָס דרימלט.

זע נאָר דעם דאַך, ווי ווייס ער איז,
אויך דער רויך פון קוימען.
אוי, דער לאָמטערן זעט דאָך אויס,
ווי בערטשע מילנער כדומה.

זע נאָר דער חזנטעס עפּלבוים,
אין ברייטן פוכקע היטל;
פּרומעטל, שטייסט דאָך אין אַ וועליער,
איך — אין אַ קיטל.

מאַמעניו, וואָס ער קאָן, דער שניי,
אַלץ אויפטון שיינע זאַכן!
פון אונדז ביידע — אַט וועסטו זען,
איין אירע וועט ער מאַכן.

דאָס זיינען „בריוועלעך" וואָס זאָגן עדות וועגן אַ זעלטן־גליקלעכער אידענטיפיציררטקייט. זיי זאָגן עדות, אַז דאָס האַרץ פון פאָלק און דאָס האַרץ פון זיין דיכטער — חד הוא.

די גליקלעכע פֿון אליעזר שטיינבארג

דער פֿאנטאַסטישער גלגול פֿון אַ ליטעראַרישער שאַפֿונג

אין אַ טאָג האָב איך אַנטדעקט אין מײַן ביבליאָטעק אַ מאָדנע אַנטדעקונג: עטלעכע זײַטן פֿון אליעזר שטײנבאַרגס פּיעסע „די גליקלעכע״, וואָס איז דערשינען אין 1950, אין נומער 5 „די גאָלדענע קייט״, זײַנען מאָדנע ענלעך צו אַ פּאָר זײַטן פֿון מענדל עלקינס קינדער־פּיעסע „בום און דריידל״. דער ענין איז מיר געוואָרן קשה און איך האָב זיך גענומען אים אויספאָרשן כּדי צו דערגיין וואָס פֿאַר אַ פּלאָנטער עס איז דאָ פֿאָרגעקומען. ראשית האָב איך איבערגעלייענט בײדע ווערק און פֿאַרגליכט זײַט נאָך זײַט. איך האָב דאָן פֿעסטגעשטעלט, אַז הגם אַ פּאָר זײַטן זײַנען כּמעט די זעלבע איז אָבער צווישן די צוויי ווערק פֿאַראַן אַן אומגעהויערער אונטערשיד. איך האָב אָבער געטראַכט, אַז עס איז מײַן חוב דאָך אויפֿצוקלערן וויאַזוי דאָס איז געשען, אַז אַ טייל זײַטלעך פֿון צוויי שאַפֿונגען וואָס געהערן צו צוויי באַזונדערע מחברים זאָלן זײַן די זעלבע, כּדי מײַן זונדעלע וועלכער הייבט שוין אָן „שמעקן״ צו מײַן ביבליאָטעק זאָל אַמאָל נישט דאַרפֿן שטײן פֿאַר דער אייגענער מאָדנער פֿראַגע פֿאַר וועלכער איך שטיי איצט.

וועל איך דעריבער אין די ווייטערדיקע זײַטלעך דערציילן וואָס איך האָב געקאָנט פֿעסטשטעלן:

אַמאָל איז געווען אַ רוסישער שרײַבער וועלכער האָט געהייסן נ. שקליאַר. האָט דער דאָזיקער נ. שקליאַר אָנגעשריבן אַ קינדער־פּיעסע מיטן נאָמען „בום אי וולא״. אין יאָר 1919 איז די דאָזיקע פּיעסקע אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט פֿון אַ יידישן שרײַבער, בעיקר אַ מחבר פֿון טעאַטער־



שער־בלאַט פון דער ערשטער אויסגאַבע פון „בוס און דריידל",
אין יאָר 1921, אין ווילנע

ווערק, מענדל עלקין, וועלכער האט זיך מיט איר דערפרייט און זי אי־בערגעזעצט אויף יידיש. דער פארלאג ב. א. קלעצקין האט די איבער־זעצונג ארויסגעגעבן אין ווילנע אין יאר 1921 אונטערן נאמען „בום און דריידל". אויף דעם שער־בלאט איז אנגעגעבן דער נאמען פון מחבר: נ. שקליאר, און דער נאמען פון איבערזעצער אויף יידיש — מ. עלקין. די דא־זיקע ווילנער אויסגאבע איז היינט מסתמא זעלטן ערגעץ צו טרעפן. עס איז כדאי צו באטראכטן דאס שער־בלאט. מ'קען זיך שוין דערמיט קוויקן אפילו בלויז ווי מיט א ליטעראטור־געשיכטלעכן אוצר. דער טיטל „בום און דריידל" — מיט געשריבענע אותיות. די לעצטע למד פון „דריידל" פאר־ענדיקט זיך מיט א סך ציקעלעך. און צום סוף א דריידל וואס „האט" מיט זיין דרייען־זיך אנגעשריבן דעם גאנצן טיטל. דערנאך — אן אונטערקעפל:

„א מעשהלע
יידיש — מ. עלקין".

און גאר אונטן:

ווילנער פארלאג פון ב. א. קלעצקין
1921 — ווילנע, קליין סטעפן־גאס 23".

חוץ דעם איז נאך דא אויפן שער־בלאט א צייכענונג פון צוויי קעפ־לעך — א יינגעלע מיט א מיידעלע — די „העלדן" בום און דריידל. די צורות זיינען נישט קיין טיפיש־יידישע און בכלל נישט קיין שום „טיפי־שע" גלייך ווי זיי קומען בכלל נישט פון קיין רעאלער וועלט נאר פון עולם הפאנטאזיע. צורות פון גוטע און פארטראכטע האלב־קינדער האלב־יוגנטלעכע פון דער וועלט פון צויבער.

און פון מאמענט וואס פון רוסישן „בום אי יולא" איז געווארן א יידישע אויסגאבע „בום און דריידל", האט דאס ווערקעלע אנגעהויבן דורכצומאכן א פאנטאסטישן גלגול און איבערצולעבן א שטורמיש־דער־פאלגרייך לעבן. מענדל עלקין האט עס באארבעט און פארגרעסערט. צום לעצטן אקט האט ער צוגעשריבן אריגינעלע טיילן. אין מיט פון די צוואנ־ציקער יארן איז די פיעסע אויפגעפירט געווארן מיט א זעלטענער הצלחה אין ניו־יארק, אין מאריס שווארצס קונסט־טעאטער, אין א ספעציעלער קינדער־פארשטעלונג, אין אט דער באארבעטער און פארגרעסערטער פאר־מע וואס עס האט אים געגעבן מענדל עלקין.

אין 1949 האָט דער פאַרלאַג פון בילדונגס־קאָמיטעט ביים אַרבעטער־רינג אין ניו־יאָרק אַרויסגעגעבן דאָס בוך „טעאַטער־שפּיל" פון מענדל עלקין. אין דעם בוך זיינען פאַראַן אַכט טעאַטער־פּיעסן. איינע פון זיי איז „בום און דריידל". אויף זייט 112 איז צו דעם דאָזיקן ווערקעלע צו־געגעבן אַ באַמערקונג:

„די דאָזיקע קינדער־מעשהלע האָב איך אין יאָר 1921 איבער־געזעצט פון רוסיש. די איבערזעצונג איז אַ פרייע. אין יאָר 1929 האָב איך עס אין גאַנצן איבערגעאַרבעט, אַריינגעפירט נייע פּערזאָנען, צוגעשריבן און אויסגעבריייטערט דעם לעצטן אַקט און דער קאָמפּאָזיטאָר א. עלשטיין האָט אָנגעשריבן ספּעציעלע מוזיק. אין דער נייער ווערסיע האָב איך עס אין דעם זעלבן יאָר אויפגעפירט אין מאָרים שוואַרצס קונסט־טעאַטער אין ניו־יאָרק. מ. ע."

כדי צו פאַרשטיין פון וואַנען „בום און דריידל" שטאַמט איז נייר־טיק אַהיימצופאָרן „צום דיכטער אין זיין לאַנד אַריין". און מ. עלקינס לאַנד איז: „טעאַטער־שפּיל".

אין דעם בוך „טעאַטער־שפּיל" זיינען פאַראַן קינדער־פּיעסעס מיט אַזעלכע נעמען ווי: „די ליידן פון עדיפּוס"; „קאָנראַדס חלום"; „דאָס גוטע שוועלבעלע" און „בום און דריידל". די אַלע פיר פּיעסעס קערן זיך גאָרנישט אָן מיט יידן און יידישקייט. עס איז אַ וועלט פון טעאַטער לשם טעאַטער. אַ וועלט פון חלומות און בעלי חלומות. פון מענטשן וועלכע זעען די ערד אַ באַהימלטע און דעם הימל — אַ וווּנדערשיינעם און פאַר־מענטשלעכטן.

חוץ די פיר פּיעסעס אָן שום נאַציאָנאַלער באַפאַרבונג זיינען דאָ אויך פיר יידישע: „אַ דין תורה מיטן ווינט" (לויט אַ תלמודישער אגדה אין נוסח י. ל. פּרץ); מאָטל טרעמפּ; פּורים צו דער סעודה (אַ חסידיש בילד); אין פּאָדריאַד (אַ בילד פון אַלטן יידישן שטייגער). יעדער פּיעסע איז פאַרזעען מיט ספּעציעלער מוזיק, מיט אָנווייזונגען וועגן רעזשי און דעקאָראַציע.

אָבער „בום און דריידל" געהער גיכער צו דער ערשטער טייל. צו אַזאַ וועלט פון טעאַטער וואָס איז אַל־נאַציאָנאַל, אַלפעלקערלעך, אַלמענטש־לעך. די פּיעסע קען פּונקט אַזוי דערשיינען אין ענגליש צי אין שפּאַניש. פּאַרמאַגט נישט קיין שום שטריכן וואָס זאָלן זי קענען באַצייכענען אַלס אָנגעהעריקע צו יידיש.

איז דעריבער טאקע אינטערעסאַנט וויאַזוי פון אַזאַ פּיעסע וואָס איז אַרויסגענומען פון אוניווערסאַלן טעאַטער־רעפּערטואַר איז געוואָרן „די גליקלעכע" פון אליעזר שטיינבאַרג ווו מען טרעפט שטיינבאַרגס אייגנטימלעכע פּערסאָנאַזשן — גריל, ר' זשוקל, מערעשקע, זשאַבעס, בלימעלע בלוי־אייגעלע, אַן אַנגעבלאָזענער אינדיק; יידישער לעבנס־שטייגער, יידישער פאָלקלאָר, יידישע לידעלעך און ועל כלום — אַזאַ מין יידיש לשון וואָס איז יידיש־פאָלקסטימלעך און דור־דורותדיק. אַ יידיש וואָס עס האָבן געערדט אונדזערע עלטער־באָבעס און וואָס קומט אַרויס אַזוי אַלט־קלוג און אַזוי יונג־שיין פון אונטער אליעזר שטיינבאַרגס געניאַלער פעדער.

ווי אַזוי האָט עס געקענט געשען?

פאַראַן נאָר איין מעגלעכקייט: זעט אויס אַז אונדזער געניאַלער פאַ־



אַ סצענע פון „די גליקלעכע", אויפגעפירט אין מאָנטעווידעער טעאַטער „דיעז אי אָטשאָ דע כוליאָ", ביי דער אָנוועזנהייט פון איבער צוויי טויזנט פערזאָן; בתוכם — לויט אַ ספּעציעלער פאַרבעטונג — אַ מיטגליד פון דער ישראלדיקער דיפּלאָמאַטישער פאַרשטייערשאַפט אין אורוגוויי.

בוליסט, וועלכער איז געווען א לערער, האט אמאל געוואלט אויפפירן די פיעסע מיט קינדער פון זיינער א שול. אזוי ווי עם האבן אים אודאי נישט געקלעקט קיין ראלן פאר אלע קינדער וואס ער האט דא געוואלט אריינפירן, האט ער זיך נישט פארלוירן. ער איז דאך, דערויף, אליעזר שטיינבארג. האט ער, מיט זיין אייגענער האנט פון א יחיד במינו, אנגעשריבן נאך עטלעכע קינדער־ראלן און דערמיט געגעבן „בום און דריידל" א גאנץ נייע צורה און א גאנץ נייעם טעקסט. אינגאנצן אנדערש ווי דער פון נ. שקליאר און אפילו פון מ. עלקין. און ווייטער איז שוין אלץ — „פשוט". טראגיש־„פשוט" ווי עס איז דאס יידישע לעבן בכלל און ווי עס איז געווען שטיינבארגס קורץ־פארשניטן לעבן בפרט: שטיינבארג האט דאך געמוזט מאכן א ליברעטא צום אויפפירן די קינדער־פיעסע. דער דאזיקער ליברעטא איז געבליבן צווישן זיינע נישט־געדרוקטע זאכן, אן אנגעשריבענער מיט זיין האנט־שריפט. זיין פרוי האט עס געטראפן — א געשריבנס מיט זיין האנט, האט זי געמיינט, אז עס איז אינגאנצן זיינס אן אריגינעל ווערק און אזוי איז פון „בום און דריידל" געווארן „די גליקלעכע" — א קינדער־פיעסע פון אליעזר שטיינבארג, וו די צוויי הויפטהעלדן הייסן „בום" און „דריידל". א פיעסע וואס איז אויפגעפירט געווארן מיט אזא שטורמישן דערפאלג אין בוענאס איירעס און ביי אונדז אין מאנטעווידעא. אפשר מעג מען זיך דערלויבן צו זאגן — מיט אן עפאכע־מאכנדיקן דערפאלג אין אונדזער יידיש־וועלטעלע.

פיי איז „בום און דריידל" און סיי אין „די גליקלעכע" איז דער יסוד פון ספור המעשה א לעגענדע. א לעגענדע וועגן א קעניג וואס איז זיך נוהג געווען יעדער יאר אויפצוזוכן די פאר אומגליקלעכסטע מענטשן פון זיין קעניגרייך און זיי אריינגעמען צו זיך און „מאכן גליקלעך" אויף איין יאר צייט. ווען עס פלעג איבערגיין דאס יאר, פלעג מען די צוויי משלח זיין און אויסזוכן נייע צוויי אומגליקלעכע כדי זיי צו „באגליקן"... אויף א יאר.

אין אט דעם בילד ווערט געשילדערט וויאזוי עס ווערן אין א יאר געטראפן, אלס אומגליקלעכע, צוויי קינדער, א יינגל און א מיידל, בום און דריידל, ער — א גאסן־פידלער און זי — א גאסן־טענצעריז, און ווי זיי ווערן געבראכט צום מלך און דארט ווערן זיי „באגליקט". אבער עס נודעט זיי דאס גאנצע גליק. זיי אנטלויפן. נעמען מיט זיך מיט די בת מלכה און אלע טרעפן אמת גליק „אין שוים" פון א דארף. ביי שטיינבארגן, אין „די

גליקלעכע" פארענדיקט זיך עס נישט בלויז מיט א דארף. עס קומט נאך צו א חתונה אין א פרילינג־נאכט אין דארף. די חתונה קומט פאר צווישן פאנטאסטישע באשעפענישן.

און איצט וועלן מיר זיך נעמען לייענען און פארגלייכן:

„בום און דריידל"

א מעשהלע אין פיר אקטן

פערזאנען:

בום
דריידל
משולח פון גוטן קיניג
צוויי העראלדן
אלטע שמאטע־הענדלערין
קיניגליכער שניידער
קיניגלעכער שוסטער
קיניגלעכער בעקער
אלטע (חלפנטע)
וואנדערלעכע מוזיקער
קיניגלעכער גאס־שומר
א שטים (פרויען־געשטאלט)
גוטער קיניג
קיניגן
פרינצעסין „גאלדן גלעקעלע"
קלוגער בעל־יועץ
צערעמאנימייסטער
קאוואליערן, דאמען
קוכערס
דאקטוירים
דינער
דער קרעטשמער
די כלה
די שוועסטער
דער חתן

„די גליקלעכע"

קינדער־פיעסע אין דריי אקטן

פערזאנען:

בום
דריידל
קיניגלעכער משולח
צוויי העראלדן
די אלטע שמאטע־הענדלערין
שניידערל
שוסטערל
בעקערל
...איז דא בכלל נישטא
פאנטאסטישע מוזיקאנטן
...איז דא נישטא
א שטים
מלך
מלכה
בת־מלכה
בעל־יועץ
...נישטא דא
הערן און הויפדאמען
...נישטא
"
"
"
"
"
"

דערפאר זיינען אבער אויך דא פערזאנען ביי שטיינבארגן אין „די

גליקלעכע", וועלכע זיינען בכלל נישט פאראן אין שקליאר־עלקינס „בום און דריידל":

שניי־גולם
גריל,
ר' זשוקל,
מערעשקע
זשאבעס
בלימעלע בלא־אייגעלע
אינדיק
גאלאנאנער האן

דאס זיינען לאנגסטיקע שטיינבארגישע פערסאנאזשן, אלט־באקאנטע אונדזערע פון זיינע קינדער־מעשהלעך, קינדער־לידעלעך און משלים.

און איצט — ביישפילן פון גליידן און אומגלייד:

אנווייזונגען

„בום און דריידל"	„די גליקלעכבע"
ג ל יי ך	
ווינטער. א וואלד, א וועג. זייער פיל שניי. און דער שניי איז זייער שיין — ווי אין א טרוים.	ווינטער. א וואלד, א וועג. זייער פיל שניי. און דער שניי איז זייער שיין — ווי אין א טרוים.
אביסל אנדערש	
די ביימער זיינען גרויס־צווייגיק און שיין — אויך ווי אין א טרוים. די צווייגן פון די ביימער זיינען באשאטן מיט שניי און פינקלען.	די ביימער זיינען גרויסצווייגיק, באשאטן מיט שניי, און פינקלען.
ווידער גלייך	
קאלט. די זון פארגייט, מיט גאלדן פארב באגאסן.	קאלט. די זון פארגייט, מיט גאלדן פארב באגאסן.

נאך אן איינגעקלאמערטער אנווייזונג וועגן מוזיק־אויפשפיל ביי עלקינען — (אווערטיורע מוזיק נומ. 1), אנשטאט וועלכן ביי דער אויפפי־

רונג פון „די גליקלעכע” איז די מוזיק געווען פון מאַקס בערלינער, אויב איך בין זיך נישט טועה, ווערן די אַנווייזונגען זייער אנדערש:

צוויי קיניגלעכע העראָלדן פירן מיטן וועג אַ גרויסן הילצערנעם פערד. אויפן פערד רייט פייערלעך דער משולח פון גוטן קיניג. די העראָלדן בלאָזן אין לאַנגע טראָמפּייטן.

סע פאַרט אַרויס אַ שליטן, גע־שפּאַנט נאָ שפּיץ, צו פיר פערד־לעך ־ קינדער. די פערדלעך זיי־נען באַהאַנגען מיט פאַרשיידענע סטענגעס, יעדער פערדל האַלט אַ פאַרביקן לאַמטערן אין האַנט. אין שליטן זיצט דער קעניגלעכער משולח, ביי די זייטן פונעם שליטן גייען די הערלדן. זיי בלאָזן אין לאַנגע טראָמפּייטן:

אזוי אז במקום בלויז צוויי הערלדן מיט אַ רייטנדיקן משולח, הייבט זיך עס ביי שטיינבארגן אָן מיט אַ שליטן און פיר פערדלעך (אַ מעגלעכ־קייט צו באַשעפטיקן נאָך פיר קינדער) חוץ די הערלדן, וועלכע פירן נישט קיין הילצערן פערד, נאָר גייען אַלס באַגלייטערס פון משולחס שליטן.

און איצט, איידער מיר וועלן פעסטשטעלן אַנדערשקייט אין סיפור המעשה, לאָמיר דערווייל זען אַ כאַראַקטעריסטישע אַנדערשקייט אין לשון פון די הערלדן, שוין ביים אָנהויב:

ערשטער הערלד: אומגליקלעכס־טע! אומגליקלעכסטע! דער גוטער קיניג האָט אונדז געשיקט נאָך אייך, כדי צו מאַכן אייך פאַר די סאַמע גליקלעכסטע אין זיין קי־ניגרייך.

הערלד 1: טרו־טו־טו! אַ, אומ־גליקלעכע! אַ, פאַרלוירענע!

צווייטער הערלד: אַ גאַנץ יאָר וועט איר עסן די פעטסטע טאָרטן און טרינקען די געשמאַקסטע ווײַ־נען; די בעסטע דאָקטוירים וועלן אייך געבן טרינקען די היילבאַרס־טע וואַסערן, אויב איר וועט עסן צופיל.

הערלד 2: אַ, שלימזלדיקע! אַ, פאַרפרוירענע!

ערשטער הערלד: איר וועט טראָגן די רייכסטע קליידער און

הערלד 1: אַ, באָרוועסע, נאַקע־טע, באַשפּיגענע!

וועט שלאָפן אויף די ווייכסטע בעטגעוואַנט! אַ גאַנץ יאָר וועלן פון אייערטוועגן געאָרדנט ווערן גלענצנדע בעלער! די וווּנדער־לעכסטע מוזיקער וועלן פאַר אייך שפּילן די נייסטע טענץ און טאַנצן מיט אייך וועט די בת־מלכה אַליין!

ביידע העראָלדן: אומגליקלעכסטע! אומגליקלעכסטע! אונדז האָט גע־שיקט נאָך אייך דער גוטער קיניג, כדי צו באַגליקן אייך.

(זיי פאַרשווינדן און עס באַווייזן זיך בום און דריידל)

און דאָ קומט עס „אַביסעלע" אַנדערש און לענגער:

העראָלד 2: פאַרשאָלטענע, באַש־ריגענע!

העראָלד 1: איר, וואָס קלייבט
אויף מיסטן ברעקעלעך!
איר, וואָס שלאָפט אויף
האַרטע זעקעלעך!

העראָלד 2: אָ, איר, וואָס יעדן
שטעקן אונטערטעניק!
איר, וואָס אַרבעט און פאַרדינט
נאָך ווייניקער פון ווייניק!
טרו־טו־טו!
אַ רוף צו אייך פון גרויסן קיניג!
אַ רוף פון קעניג צענטריוועוענטרע
טויזנט ערשטער!
איבער מענטשן, חיות, פייגל
הערשט ער!
אַ רוף, אַ רוף, אַ גרויסער רוף
צו אייך!
אָ, קומט און באָדט זיך אין זיין
ליבשאַפט, ווי אין גרויסן טייך!
קומט! געגרייט פון אייערטוועגן
שוין די טישן!

געבעט די גילדענע בעטעלעך מיט
ווייכע קישן!
קומט! מע וואַרט אויף אייך שוין
דאָרטן! איר וועט עסן קוילעטש,
לעקעך, טאָרטן!
און אַז איר וועט נאַשן,
כאַפּן חס־ושלום דאָרט אַן איבע־
ריקן ביסן,
שטייען גרייט דאָקטוירים שוין
מיט גרויסע פלאַשן, רייבערס
זעקס און שמירערס זיבן —
גרויס ראַטונעק וועט מען גיבן!
טרו־טו־טו!
קומט־זשע, קומט־זשע, קומט!
דער צימבל ברומט!
און די בת־מלכה שוין גרייט צום
טאַנץ!
קומט שוין, קומט שוין, וועט די
שמחה ווערן גאַנץ!

אַט דער איינער קענגשטעל פון די טעקסטן איז אַ מוסטער פון דעם וואָס שטיינבאַרג האָט געטאָן: ער האָט אויסגעברייטערט, פאַריידישט, פאַר־פּראָוועט מיט אַזעלכע ווערטער וואָס זיינען נישט נאָר מיטל צו תוכן־ציל, נייערט יעדער וואָרט אַליין פאַר זיך איז אָנגעלאָדן מיט תוכן:

„צענטריוווענטרע טויזנט - ערשטער
איבער מענטשן, חיות, פייגל, הערשט ער"

לויט פיינסטער יידישער שלמה המלך טראַדיציע!

אַנשטאָט דעם איינעם „אומגליקלעכסטע", קומט:

„אומגליקלעכע, פאַרלוירענע,
שלימזלדיקע, פאַרפרוירענע,
באָרוועסע, נאַקעטע, באַשפּיגענע,
פאַרשאָלטענע, באַשריגענע,
איר וואָס קלייבט אויף מיסטן ברעקעלעך", א. א. וו.

אַנשטאָט „בעסטע דאָקטוירים מיט הייל-באַרסטע וואַסערן":

„דאָקטוירים מיט גרויסע פלאַשן,
רייבערס זעקס און שמירערס זיבן —
גרויס ראַטונעק וועט מען געבן".

אַנשטאָט דעם צוזאָג וועגן „וווּנדערלעכע מוזיקער" קומט אַ „פאַקט":

„דער צימבל ברומט!" (אַ יידישער צימבל!)

ביי שטיינבארגן קומט דאָ אַ שמועס צווישן משולח מיט די הע־ראַלדן, אַז מען זעט נישט קיין אומגליקלעכע און דערוויל פּרירט די נאָז ביים משולח און די הערצלדן וויצלען זיך אַביסל אויף זיין חשבון. ערשט דערנאָך באַווייזן זיך בום און דריידל.

ביי עלקינען קומט די דאַזיקע סצענע ערשט נאָכן גאַנצן חלום.

אינטערעסאַנט איז פעסטצושטעלן נאָך עפּעס. ביי עלקינען כאַפּן זיך פון צייט צו צייט אַרויס ספּעציפישע „ליטוויציזמען". די מערסטע האָט שטיינבאַרג איבערגעאַרבעט. אַמאָל, אָבער, אויך ניט. אַט זאָגט דער משולח, הן ביי עלקינען און הן ביי שטיינבאַרגן: „ביי מיר וועט באַלד די נאָז אַפּפרירן!". אין דער אמתן זאָגט מען אויף יידיש „מיר וועט באַלד די נאָז אָפּפרירן!" אָן דעם „ביי". ווען שטיינבאַרג שרייבט אַליין וואָלט ער קיינמאָל נישט געוועזן גענוצט דעם „ביי". דער „ביי" איז דאָך איבערגעזעצט פון רוסישן „אַו מעניא".

אַ מיידעלע וואָס הייסט ביי עלקינען „כי כי", הייסט ביי שטיינ־באַרגן „קוויקי - קווי". ווען בום און דריידל רעדן וועגן איר, זאָגן זיי ביי עלקינען:

> „זי האָט געזען אין חלום איר מוטער און יענע האָט זי אַ קוש געטון"...

אָבער ביי שטיינבאַרגן:

> זי האָט געזען אין חלום איר מוטער און יענע האָט איר אַ קוש געטון!"

ווי אַלע ליטוואַקעס נוצט אויך עלקין דעם אַקוזאַטיוו אַנשטאָט דעם דאַטיוו און אַמאָל פאַרקערט. אָדער אַזאַ מין חילוק אין אויסדריקן דאָס זעלבע:

עלקין:

> „מיין הער, נעמט פאַר אַ פעני אייער גורל־צעטעלע! דאָ זיצט אַ פייגעלע מיט אַ שיין אייגעלע, ניט קיין גאַנז, ניט קיין ענטל, זי טרעפט אויפן הענטל, פאַר אַ פעני וועט זי זאָגן, וואָס איר וועט פאַרמאָגן".

שטיינבאַרג:

> „מיין הער, נעמט אַ גורל־צעטעלע! דאָ זיצט אַ פייגעלע שיין־אייגעלע, קוקט אויף די וויעס, זאָגט נביאות, שלעפּט מזל־צעטעלעך, גן עדן־בלעטעלעך!"

פעני איז דאכט זיך אַ נאָרד־אַמעריקאַניזם. ענטל איז דאכט זיך אַ ליטוויציזם. יידישער, גלויב איך, איז קאַטשקע.

די פּאָר שורות זיינען ביי עלקינען מסתמא נאָענט צום רוסישן אָריגינאַל, בעת שטיינבאַרג האָט נאָר באַדאַרפט אַן אָנדייט און געפורעמט האָט ער שוין אַליין אין אייגנאַרטיקע יידישע פורעמס.

נאָך אַ פּאָר ביישפּילן:

ביי עלקינען:	**ביי שטיינבאַרגן**
דער דאָרף	דאָס דאָרף
די פייגעלע.. זי וועט	דאָס פייגעלע.. סע וועט
פאַרפראָרן ווערן	פאַרפרוירן ווערן

אַמאָל האָט שטיינבאַרג נישט געענדערט, איז געבליבן ביי אים, ווי ביי עלקינען:

„מע דאַרף אויף איר אָטעמען!״ (וועגן פייגעלע).

אַנשטאָט:

„מע דאַרף דערויף אָטעמען״.

ווען דאָס פייגעלע איז פאַרפרוירן־פאַרחלשט, זאָגט דריידל:

ביי עלקינען:	**ביי שטיינבאַרגן**
זי לעבט נישט אָפּ...	לעבט ניט!

ווייל מיט „אָפּלעבן״ איז טאַקע ביי אונדז אַ גאַנצע צרה. ביי ליט־וואַקעס הייסט „אָפּלעבן״ דאָס אייגענע וואָס „זיך צוריקקערן צום לעבן״, פּונקט ווי „אָפּבליען״ זאָגן זיי אַנשטאָט „זיך צעבליען״. ביי בעסאַראַבער און דאַכט זיך ביי אַלע אַנדערע יידן הייסט „אָפּלעבן״ — ווערן אַלט, אומ־פּעאיק, פאַרעלטערט. און דאָס וואָס ליטוואַקעס מיינען מיט „אָפּלעבן״ — הייסט גאָר ביי אַלע אַנדערע יידן — „אויפלעבן״. און איך מיין אַז דאָס מאָל זיינען די נישט־ליטוואַקעס גערעכט: אויב פּאָזיטיוום איז „אויף״, (אַרויף!) און נישט „אָפּ״ (אַראָפּ, אוים)...

אַז „שטערנדלער מאַכט מען נישט נאָר זיי זיינען שוין געמאַכטע״, איז דאָ בייביידע, אָבער די „מיינונג״, אַז „סיידן סע פעלט אַראָפּ אַ שטערן, מאַכט מען אַן אַנדערן״ און אַז מאַכן מאַכט מען זיי פון נשמות פון טויטע קינדערלעך — דאָס איז דאָ נאָר ביי שטיינבאַרגן.

אויך דער שמאַטע־הענדלערינס געזאַנג ביים דערשיינען, איז דאָ נאָר ביי שטיינבאַרגן.

אין די לידעלעך און צוזינגען איז אַ גרויסער חילוק.

אַט, למשל, דער צוזינג צום קאַשע־עסן:

ביי שטיינבאַרגן	**ביי עלקינען:**
מער מע עסט, מער איז דאָ!	ניט קיין רויע, ניט געקאַכט,
אָפּגעקאָכט זי אין אַ גוטער שעה,	ניט קיין אייגנס, ניט געבאַרגט;
ווען אויף טאָג געקרייט דער האָן,	עסט און עסט זי כאַטש אַ יאָר, —
און באַשיט מיט זיסן מאָן.	ווערט ניט ווייניקער אַ האָר —
	כּי־כּי־כּי...

אַזוי אויך אַנדערע לידעלעך. דער שניידער פון „בום און דריידל" זינגט מיט אַ לשון וואָס איז יידיש נאָר אין קלאַנג. אָבער דער „הינקענ־דיקער שניידער" פון „די גליקלעכע" זינגט מיט אַ לשון וואָס איז יידיש לפי אינהאַלט.

אַזוי איז אויך נאָר ביי שטיינבאַרגן פאַראַן די „באַשטעלונג" וואָס דאָס שניידערל נעמט זיך אונטער דורכצופירן — אויפצונייען „פון אַל־טע זאַרגן אַ גילדענעם פרימאַרגן".

די אויפטריטן פון שניידערל, שוסטערל, בעקערל און די באַשטעלונ־גען וואָס ווערן ביי זיי געמאַכט, גיבן ביי שטיינבאַרגן בכלל דעם גרונט פאַר גאַנץ נייע סצענקעס, נייע לידעלעך, נאָך פולע זשמעניעס ריח־ניחוח־דיקע קרייטעכצער פון יידישן פאָלקלאָר־גאָרטן.

און נאָך עפּעס: נאָר דאָס שוסטערל ווערט געבעטן אויפצוטאָן אַ קאָנקרעטע זאַך — אויסצוקלאַפּן ימיטן העמערל גילדענע פאַנטאָפּלער. „פאַנטאָפּעלעך מיט סקריפּ און גלאַנצן אויף דער חתונה צו טאַנצן". וואָס שייך דאָס שניידערל מיטן בעקערל — ווערט דער ערשטער גע־בעטן אויפצונייען „פון אַלטע זאַרגן אַ גילדענעם פרימאַרגן" און דער צווייטער — זאָל אָפּבאַקן אַ... ליגן, „אַ ליגן, זים ווי דער באַבינקעס ניגון", צו וועלכן מען דאַרף האָבן דאָס גילדענע פייערל, וואָס מען קען באַקומען ווען... „מען צעבלאָזט עס"...

ביי שטיינבאַרגן זיינען נישטאָ אַזעלכע אויסדרוקן ווי „אַך, ווי פיין! אָדער „אַך, ווי וווּנדערבאַר!". אַנשטאָט דעם — זיינען דאָ „טראַדי־

ציאַנעלע״־יידישע אויסרופן: „אוי, ס׳איז גוט! אבינו מלך! דאָס האַרץ איז מיר פרייליך!״.

אינגאַנצן אויסגעלאָזט געוואָרן ביי שטיינבאַרגן איז די סצענע מיט דער חלפנטע, וועלכע איז די פערטע מתנה־ברענגערין פאַר די קינדער. זי ברענגט זיי מטבעות. ווייזט אויס, אַז שטיינבאַרג האָט דערין אינגאַנצן „ניט געגלייבט״...

אין „בום און דריידל״

זינגען „מוזיקער״:

מיר זיינען מוזיקער, די גרעסטע,
פון אַ ווייטן, ווייטן לאַנד!
זינגען לידער אייך די בעסטע
זיינען מיר געקומען היינט!
און נאָך דריי סטראָפעס

אין „די גליקלעכע״

זינגען קלעזמער און אַנדערע:
שטאַרקער, שטאַרקער! רייסט די
סטרונעס,
זאָלן פונקען פליען,
אַזש דער שניי זאָל זיך צעגיין
און די פיאַטעס בריען!

און נאָך דעם הויבן זיך בכלל ביידע ווערק אָן צו צעגיין אין זייער בוי. ביי עלקינען ציט זיך נאָך דער אַקט (דער ערשטער פון דער פיר) אַוועק אויף אַ דריי זייטעלעך. עס קומט נאָך פאַר אַ טאַנץ וואָס איז ביי שטיינבאַרגן בכלל דאָ נישטאָ. ביי שטיינבאַרגן באַווייזט זיך באַלד די מאַמע פון די קינדער און עס ענדיקט זיך דערמיט דער ערשטער אַקט (איינער פון דריי).

עס איז שווער באַצושטייַן דעם נסיון און נישט געבן די צוויי וואַריאַנטן פון דער „מאַמעס געזאַנג, ווען זי באַווייזט זיך אַרויס פון דער פאַרנעפּלטקייט:

אין „בום און דריידל״

די שיינע, ליבע קינדערלעך,
דריידעלעך און בומען —
איז די גוטע מאַמעשי
אַהיים נעמען געקומען...

אין „די גליקלעכע״

בומעלע, מיין אויג אין קאָפּ!
דריידעלע, מיין טאָכטער־קרוין!
איך גיי, איך גיי, איך קום צו אייך!
די מאַמע גייט, אָט קומט זי שוין!

אין „בום און דריידל״ קומט דאָ פאַר די סצענע ווי די העראָלדן טרעפן די קינדער און פירן זיי אַוועק רייטנדיקע אויף אַ הילצערן פערד.
אין „די גליקלעכע״ איז די דאָזיקע סצענע דאָ בכלל נישטאָ. דער

אקט ענדיקט זיך מיט דער טרויעריקער מעלאדיע וואס באגלייט דאס דער־שיינען פון דער טויטער מאמען. עס לאזט זיך נאר הערן דאס שאלן פון די העראלדן.

*

דער צווייטער אקט הויבט זיך אן אין „בום און דריידל" אין קעניגס פאלאץ. גלייך פון אנהויב איז דא פאראן די גאנצע קיניגלעכע משפחה, יועצים און קאוואליערן און דאמען.

אין „די גליקלעכע" הויבט זיך דער אקט אן נאר מיט דער אנוועזנ־הייט פון דער בת־מלכה מיטן בעל יועץ, וועלכע רעדן זיך אפ וויאזוי איינ־צורעדן בומען מיט דריידלען, אז אלץ וואס זיי גערענקען בכלל ביז איצט, איז נישט מער ווי א חלום און אז זייער ווירקלעך לעבן הויבט זיך אן ערשט איצט.

דאס הייסט, אז דא איז נישטא די סצענע פון איבערפירן די קינדער אין פאלאץ אריין. זי פעלט טאקע אויס ווי א רינגל פון מעשהלע־קייט־לונג. דערפאר זיינען אבער דא ערב־סצענעס וועלכע זיינען ביי עלקינען אינגאנצן נישטא.

אויך דער פרווו צו ענדערן בום און דריידלס נעמען אויף „לילי" און „בריזאנטעמע" איז אינגאנצן נישטא אין דער שקליאר־עלקין־ווערסיע.

שפעטער „באטייליקן זיך" בום און דריידל אין א קיניגליכן באל.

פארן מאמענט פון עפענען דעם באל איז פאראן ביי עלקינען א גאנץ לאנגע סצענע, וואס איז ביי שטיינבארגן ארויסגעלאזט געווארן. די דאז־זיקע סצענע איז גראד א דורכגעזאפטע מיט הומאר און איראניע. עס ווערט געוויזן ווי אין דער פרעכטיקער זאל שטייען גרייט א ריי דאקטוי־רים מיט רפואות, כדי באצייטנס צו קענען ראטעווען די איבערגעפרעסע־נע און איבערגעזויפענע.

און אט עפנט שוין דער קעניג דעם באל.

סיי ביי עלקינען, סיי ביי שטיינבארגן זיינען דא די אפיציעלע טענץ שרעקלעך נודנע. ביי עלקינען „שפילן די מוזיקער, ווי זיי וואלטן דריי טעג נישט געגעסן" ביי שטיינבארגן „רימפלען" זיי. און ביי ביידע איז דער טאנץ אזוי „לעבעדיק" ווי פון „פארשלאפענע פליגן".

אבער ווייטער קומט שוין א חילוק, א גאר באדייטנדיקער:

ביי עלקינען באשליסן די דריי קינדער (בום, דריידל און די בת־מלכה) פריילעך צו מאכן; זינגט די בת־מלכה, גאלדן־גלעקעלע:

טאפי־טאפי־טאפי־טאפי
טאפ־טאפ־טאפ!
לינקס א פיסל, רעכטס א פיסל, —
קלאפ־קלאפ־קלאפ!

ס'טאנצן דאמען, קאוואליערן,
שפרינגען אונטער הויך!
אלעמען זאל פריילעך ווערן, —
טאנצן אלטע אויך!

און נאך א פאר פערזן לויט דעם מוסטער.

ביי שטיינבארגן, אבער, ווארפט דריידל אראפ די שיכעלעך, טאנצט און זינגט (זי אליין זינגט, נישט די פרינצעסין), קלאפנדיק אין טאמבורין און אלע זינגען־מיט א צעגיינערישם:

ראנגאוויסא,
ראנגאוויסא,
העו
דען
דו
סאקראמינדא־סו,
העו
דען
דו!

ראמ־יא־וויסא,
ראמ־יא־וויסא,
איסא־איסא־גא
סאקראמינטא־סא
סאקראמינטא־סא
העו
דען
דא!!

ווי שיין־קלינגעוודיק און פול מיט זין און מיט ציגיינערישן הפקר און פארחלומטקייט עס זיינען די דאזיקע אומפארשטענדלעכע ווערטער!

עס איז אויך פאראן א חילוק אין סוף פון בילדל.

ביי עלקינען ענדיקט זיך דאס בילד מיט א גליקלעך־טאנצנדיקן סוף, אין וועלכן עס ווערט אריינגעצויגן אפילו דער קיניג מיט דער קיניגן און

אפילו דער שטייפער, קלוגער בעל־יועץ. בפירוש „אלע טאנצן אויף וואס די וועלט שטייט".

ביי שטיינבארגן ענדיקט זיך דער אקט אזוי:

נאכן אפזינגען און ווילד אויסטאנצן דאס ציגיינערישע ליד, „בלייבט דריידל פלוצים שטיין, ווי פארווירט פון קאפשווינדל, קוקט זיך ארום מיט א בלאנדזשענדיקן בליק:

וווּ בין איך? — ווער בין איך? — —
אי איך טאנץ, אי איך בין געשטארבן?!
אי א גאסן־זינגעריז, אי א פרינצעסין?!

זי לאזט ארויס די טאמבורין פון דער האנט, פאלט צו, פארוואָרפנדיק די הענט אויפן קאפ, צו גאלדן־גלעקעלע:

גאלדן־גלעקעלע! זאג, ווער בין איך?

דער דאזיקער פינאל איז פול מיט פאנטאסטישער פראבלעמאטיק, מיט א הויך פון פארכישופטקייט, פון דינעם טרויער און פארטראכטקייט וואס רייסט דיך מיט און רופט ביי דיר ארויס א בענקשאפט נאך אנטפלעקונג פון אזויפיל סודות אין וועלכע דיין אייגן לעבן איז אזוי געהילט און וועלכע דו האסט זיך שוין מיאש געווען אויפצוהילן. פארגעסט דיין פלאנטער אין טאג־טעגלעכן לעבן. דריידל האט דיר ווי עפעס ווידער אויפגעלעבט דיינע אטראפירטע אנטענעס, דו דערוועסט זיך אליין אנדערש ווי ביז איצט, אין א וועלט וואס איז גארנישט אזוי פשוט און נישט קלאר, ווי זי האט דיר אויסגעזען ביז איצט. און דו אליין, דו גופא, ווערסט פארוואנדלט פון א יוסטן טעאטער־צושויער אין א וועזן וואס האט זיך ארייננגעדריידלט אין א שווינדלענדיקן לעבנס־טאנץ פון וועלכן דו האסט איצט דערוואכט א דאנק עפעס א כישוף־באריר (וועמענס?) און דו פרעגסט זיך אליין: וואס ווירבל איך אזוי? ווו איז דער זין און וואס איז דער תכלית פון אט דעם שווינדלענדיקן געדריי? פון וואנען קום איך? וווהין גיי איך? ווער בין איך? „ווער בין איך"?" — די פראגע פון די פראגעס!...

איצט קומט א דריטער אקט וואס איז פאראן נאר ביי עלקינען. ביי שטיינבארגן — נישט. ביי שטיינבארגן איז נישטא קיין איבערפיר: דער צווייטער אקט ענדיקט זיך מיטן טאנץ אין קיניגלעכן פאלאץ און דער דריי־

מער און לעצטער אקט — קומט שוין פאר אין סאמע פעלד. קען זיין, אז ווען שטיינבארג ווערט נישט אזוי פריציייטיק פארשניטן וואלטן די אקטן זיך געווען מער געקייטלט. ווייל עס וואלט דאכט זיך גאַרנישט געקענט שאטן, ווען עס קומט יא אריין אזא אפשניט אין וועלכן בום און דריידל טענהן זיך אוים מיטן קיניג און גיבן אים צו פארשטיין, אז זיי זיינען אים מוחל די „באגליקטקייט" און זיי ווילן אוועק אין די דערפער ווייל ס'איז שוין פרילינג און מען קען שוין שלאפן אין: וואלד און אין פעלד, און זיי זאגן אזעלכע, דאכט זיך, נישט שפעטנע ווערטער (וועלכע זיינען דא נאר ביי עלקינען):

דיינע טארטן, גוטער קיניג, זיינען צופיל פעט!
דיינע ווייַנען — צופיל זיס!
דיינע קליידער — צו שווער!
דיין פאלאץ איז נישט ליכטיק ווי די זון!
דיינע טענץ — זייער אומעטיקע
און די מוזיק — אויך!
און דיינע פרעכטיקע גערטנער זיינען ארומגעצוימט מיט
שטיינערנע ווענט!
און קיינער רעדט ביי דיר נישט וואס ער וויל! און קיינער
האט נישט קיין אייגענע פארלאנגען! — און מיר
ווילן ריידן וואס מיר ווילן! און טאן וואס מיר ווילן!
און לעבן ווי מיר ווילן!

איז עס נישט גאלד מיט בריליאנטן?!

אין צארישן רוסלאנד איז אזא ביבעלע אודאי געווען א שטיק קראַמאַלע. ס'איז קלאר אז אין ווילנע פון 1921 איז עס געווען צייטמעסיק און צוגעטראפן.

חוץ דעם איז אין אט דעם דריטן אקט פאראן א סצענע וואס שילדערט ווי פוסט און נודנע עס ווערט אלעמען אין פאלאץ ווען בום און דריידל גייען אוועק און מען מוז זיי שיקן צוריקברענגען. ס'איז א סצענע פול מיט הומאר, וואס קען אריינברענגען א סך לעבן און פרייד ביים קינדערישן צושויער־עולם.

און איצט דער פערטער אקט.

דא קומען בום און דריידל צוריק אין פאלאץ, מיטצונעמען גאלדןגלעקעלע אויף א דארפישער חתונה. זי זאגט זיי אז, אז ווען זיי וועלן אהין קומען, זאל קיינער נישט וויסן, אז זי איז א פרינצעסין, ווייל זי וויל זיין „א פראסט מיידעלע". און בום און דריידל זאגן עס איר צו: „גוט

גאָלדן־גלעקעלע! זיי דאַרפֿן נישט קיין טיטלען, ביי זיי איז יעדער מענטש א פּרינץ, יעדער מיידעלע א פּרינצעסין, ביי זיי איז פּריילעך".

און מיט אמאָל קומען אַן דער חתן מיט דער כּלה — ערדישע מענטשן, נישט קיין פאַנטאַסטישע געשטאַלטן ווי ביי שטיינבאַרגן — מיטן קרעטשמער און נאָך מחותּנים און מען נעמט מיט בומען מיט דריידלעך מיט גאָלדן־גלעקעלע צו דער חתונה.

דער קיניגלעכער משולח מיט די העראָלדן לאָזן זיך אויך איינרעדן און באַשליסן אויך, אַז „וואָס טויגן אונדז די פּוסטע, אנגעבלאָזענע, קיניגלעכע צערעמאָניעס? די קיניגן, די שררות — זיי טויגן אַלע אויף כּפּרות! (1921!) לאָמיר טאַקע גיין!"

אַלע גייען אוועק טאַנצנדיק: טאַפּי־טאַפּי־טאַפּי־טאַפּי

און מיט דעם ענדיקט זיך עס.

דאָס אַלץ איז ביי שטיינבאַרגן נישטאָ. פאַר אים איז נישט געגוג, אַז די צוויי קינדער האָבן ווידערגעשפּעניקט דער קיניגלעכער כּוונה זיי צו „באַגליקן" און זיי אַנטלויפֿן און נעמען אַזש מיט די בת־מלכּה און העראָלדן אויף א דאָרפישער חתונה.

ביי שטיינבאַרגן הייבט זיך דאָ אַן א דריטער אַקט, וו עס ווערן טאַקע געגעבן די חתונה אין דאָרף, אין א פּרילינג־נאַכט. די דאָזיקע חתונה איז א שטיק פאַנטאַזיע. פאַנטאַסטיש שיין, לויטן מוסטער פון שעקספּירס „חלום אין א זומער־נאַכט", אָבער יידיש, אַזוי יידיש, געוועבט פון סאַמע יידישע פאָלקס־שאַפונגען.

חוץ בומען און דריידלען זיינען דאָ אַלע פּערזאָנען פאַנטאַסטישע, אַלעגאָרישע: גריל, ר' זשוקל, מערעשקע, זשאַבעס, בלימעלע בלוי־אייגעלע, אינדיק, גאַלאַגאַנער האָן. די דאָזיקע סצענע איז נישט מעגלעך דאָ איי־בערצוגעבן. מען דאַרף זי אינגאַנצן אַליין איבערלייענען און אויב מעגלעך — טאַקע זען שפּילן אין טעאַטער.

א גריל שטעפּט אויף א ניי־מאַשינדל. איז הערט וויפל „ז"־קלאַנגען עס אילוסטרירן פאַנעטיש דאָס „זענגן" פון א גריל:

זיגי זיגי זיגי זייגער,
זיגי זיגי זיגי זאַנג,
זייגער זעקס אַזייגער
זינגען זינגער זייער געזאַנג!

פאראַן אויך אַנדערע טיפּיש־שטיינבאַרגישע עלעמענטן, וואָס זיינען אונדז באַקאַנט פון פריערדיקע שאַפונגען זיינע, ווי למשל:

„ווו ס'דריידלט זיך אַ רויכל
ברענט אַ פייערל אויך".

חוץ דעם ענדיקט זיך ביי שטיינבאַרגן דאָס גאַנצע נישט ערדיש־גליקלעך: דאָ שטאַרבט גאָר די פּרינצעסין פאַר טרויער און בענקשאַפט און אין לעצטן אַקט קומט זי צו בומען און דריידלען צוזאַמען מיט דער זינגעריין קוויקי־קווי, אַלס צוויי שטערנדלעך און זיי ברענגען אַ גרוס פון יענער וועלט, פון אַ גרויסן „גליטש־מילך־וועג, אויף וועלכן עס גליטשן זיך די שטערנדלעך" און זיי קלערן אויף פאַרוואָס אונדז דאַכט זיך אַפּט, אַז די שטערן ציטערן. ניין, זיי ציטערן נישט, ס'איז זיי נישט קאַלט. ס'איז גאָר אינגאַנצן עפּעס אַנדערש:

„אַז אויבן טאַנצט מען,
דאַכט זיך אונטן אוים מע ציטערט!
און אַז אונטן ציטערט מען,
ווייזט זיך אויבן אוים — מע טאַנצט!"

איז נאָך נייטיק צו קאָמענטירן אַזאַ מין וווּנדערלעכע דעפיניציע פון ערדישע און הימלישע השגות?!...

און ווייטער קומט די חתונה, דאָס באַדעקנס, די חופּה־צערעמאָניע, אַ ברוגזער מחותן וואָס בלאָזט זיך (אַן אינדיק) — אַלץ ווי אויף אַן אמתער יידישער חתונה — און עס פאַרענדיקט זיך מיט אַ באַלעט־טאַנץ.

*

פון דעם אַלעמען — עס איז דאָך נישט מעגלעך צו „ציטירן" די צוויי פּיעסעס אינגאַנצן — ווערט קלאָר, אַז דאָ איז נישטאָ קיין נאָכמאַכונג, נייערט איבערמאַכונג און איבערשאַפונג. דער רעזולטאַט פון דעם גילגול וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין רוסיש א. נ. „בום אי יולאַ", איז געוואָרן אַ דאַנק מענדל עלקין „בום און דריידל" און איבערגעשאַפן געוואָרן דורך אליעזר שטיינבאַרג אין „די גליקלעכע" — איז אַ ווערק מיט וועלכן עס וואָלטן זיך געבענטשט אויך ליטעראַטורן אין אַנדערע שפּראַכן.

עס איז אבער כדאי צו וויסן, ביים לייענען אדער זען „די גליקלעכע״ פון וואנעט אליעזר שטיינבארג איז אינספּירירט געווארן און אז, דער ער־שטער בריק־פּארוואַרפער פון אַט דעם אויפטו איז, למען הצדק, געווען דער נחבא אל הכלים, אל כלי הטעאַטער, מענדל עלקין. ווען מיר האָבן פון עפּעס הנאה, איז נישט מער ווי יושרדיק צו וויסן וועגן די אַלע, וועל־בע האָבן אונדז די דאָזיקע הנאה אַנגעברייט.

ווען נישט מענדל עלקין, וואלטן מיר געווען געהאַט דעם גאַנצן אליעזר שטיינבארג, וועמענס לעבן איז אזוי יונג פארשניטן געווארן, אזוי ווי מיר האָבן אים היינט, אָבער מיט „די גליקלעכע״ וואָלט ער אונדז דאָך נישט געווען באַגליקט.

אט דאָס איז די געשיכטע פון אַ ליטעראַרישן גלגול. אַ געשיכטע וואָס הייבט זיך אָן „באַלד אויף מאָרגן״, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין ווילנע, ווען די יידישע ליטעראַטור איז געגאַנגען באַרג־ארויף, כמעט ווי אַ פּאַן פון די אויפגעוואַכטע יידישע מאַסן אין מזרח־אייראָפּע; און פארענדיקן פארענדיקט זיך די געשיכטע אויף די זייטן פון אַ יידישן זשורנאַל וואָס הייסט „די גאָלדענע קייט״ און דערשיינט אין תל־אביב, די שטאָט וו עס איז פּראָקלאַמירט געווארן די מדינה פון די יידן.

באָלעסלאַוו לעווין פון דער נאָענט

דאָס איז געווען אין יאָר 1943. איך בין נאָך אין לאַ פּאַס, באָלי־וויעס הויפּט־שטאָט, אַלץ געווען אַ „גרינער". אייגנטלעך הערט מען אפשר קיינמאָל דאָרט נישט אויף צו זיין קיין גרינער. דער אַרום איז אַזוי אַנ־דערש ווי דער צו וועלכן דו ביסט געוווינט אין איראָפּע, אַז דו פילסט זיך נישט ווי אויף קיין אַנדערן קאָנטינענט, נאָר ווי אויף אַן אַנדערן פּלאַנעט.

אַנדערש איז די רויטע, טרוקענע ערד אַרום, אויף וועלכער עס וואַקסן העכסטנס עפּעס שיטערע ראַכיטישע גרעזלעך. אַנדערש איז דער אייביק באַשנייטער באַרג איבער דער שטאָט, מעג די זון ווי ברענען און ברייען. אַנדערש זיינען די ליאַמעס, וואָס דו זעסט אַלעמאָל דורכטרייבן טשע־רעדעסווייז, מיט זייערע געמאָסטענע טריט פון דעליקאַטע פּרינצעסינס און אַנדערש איז דאָ דער עיקר — דאָס לשון וואָס דו הערסט אַרום: אַן איילי־קער, נערוועזער און אויפגערעגטער שפּאַניש אין מויל פון די מישלינגען און אַ קוויטשיקער, אייביק־אומפאַרשטענדלעכער, מיט אַ סך דריידעלעך און גאָרגלערייען און צונג־פּליעסקענישן — קעטשואַ אָדער איימאַראַ פון די כוואַליעס אינדיאַנער און אינדיאַנערקעס מיט זייערע קינדער, וועלכע פּאָרפּלייצן דאָ די שמאָלע גאַסן און געסלעך.

ווי ווייט דאָס אַלץ איז פון אַ בעסאַראַבער שטעטל מיט עטלעכע טויזנט ייִדן; פון דעם „זעלבסטפאַרשטענדלעכן" לעבנס־שטייגער צי גאָר פון די ייִדישע יינגלעך און מיידלעך מיט די ביכלעך אונטער די אָרעמס.

ביכלעד? — יאָ. דאָ זיינען אויך פאַראַן ביכלעד. אַט שיינען זיי אַ־רוים פון די וויטרינעס. אָבער ווער קען זיי איינבייסן. דאָס שפּאַניש קען איך שוין און קען שוין, אָבער ביי יעדער פּאָר שורות מוז איך דאָך נאָך מישן דעם ווערטערבוך. און סיי די טעמעס, סיי די נעמען פון די מחברים זיינען עס אַזוינע מאָדנע און פרעמד־קלינגענדיקע:

„פאַכינאַס באַרבאַראַס" פון כאימע מענדאָסאַ; „סורומי" פון כע־סוס לאַראַ; „טשוקיסאַקאַ" — ווידער פון כאימע מענדאָסאַ; „על אימפּעריאַ סאָסיאַליסטאַ דע לאָס אינקאַס" פון לואיס באַדען; „לאָס נועוואָס רובאַיאַט", און „קלאַריבעל" פון פראַנס טאַמאַיאַ; „אואַטאַ־אואַראַ" פון אַלסידעס אַרגעדאַס"... און פּלוצים עפּעס אַ בוך מיט פאַרשיידענע פאַפּוגיי־פאַרבן אויפן שער־בלאַט, אַ גרויס דיק בוך: „טופּאַק אַמאַרו" פון באַלעסלאַאַ לעווין!

איך בין געבליבן שטיין אַ געפּלעפטער ביי דער וויטרינע: דער נאָמען „שטימט מיר" מיטן אַרום. עפּעס אַזוי „קלאָר און פאַרשטענדלעך" — „טופּאַק אַמאַרו". כ'פאַרשטיי אפילו, אַז ס'איז אַ נאָמען פון אַ מענטשן — אַ סימן אַז ס'איז דאָ אויסגעמאָלט אויפן שער־בלאַט אַ מאַן מיט לאַנ־גע האָר און מיט אַ קאַפּעליוש ווי אין די צייטן פון ר' מנשה בן ישראל, עפּעס ווי דאָס וואָלט געווען אַן אַרויסגעכאַפּטער פון אַ פאַרשטעלונג פון גוצקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ". אָבער דאָס אומפאַרשטענדלעכע, דאָס מוחר ברעכערעשע און 2 מאָל 2 איז 5־דיקע — איז דער נאָמען פון מחבר: באַלעסלאַאַ לעווין, אי דאָס נאָך מיט אַ דאָפּלטער „וו", פּונקט ווי מיינע פּויליש־יידישע ברידער שרייבן דאָס.

דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט אַז ס'איז אַ פּוילישער ייד און דער שי־דוד פון זיין דאָזיקן נאָמען מיטן נאָמען „טופּאַק אַמאַרו" האָט מיך צום איבעריקן פריטשמעליעט מיט דער דובינע פון עפּעס אויסטערלישן, ווי פון אַן אַנדערן פּלאַנעט.

אַזוי האָב איך זיך באַקענט מיטן נאָמען „באַלעסלאַאַ לעווין".

און איך פלעג מיר יעדן טאָג דורכגיין דורך יענער בוכהאַנדלונג, שטיין און קוקן אַ פאַרבענקטער אויפן בוך, אָפּזיפצן מיינס און גיין ווייטער. ביז אין אַ טאָג איז דאָס בוך אַליין געקומען צו מיר אין שטוב אַריין. ס'הייסט — טאַקע אינגאַנצן אַליין נישט. ס'האָט עס מיר געשענקט אַלס מתנה מיין ברודער. ער איז דערגאַנגען וואָס עס קען זיין אַ רפואה צו מיין זיפצן.

און איך האָב מיר אַנגעהויבן ברעכן די ציין און איינבייסן צו ביס־לעך „טופּאַק אַמאַרו". דאָס בוך וועגן אַז אינדיאַנער וואָס האָט אַמאָל אַרומגערינגלט „מיין" לאַ פּאַס, די שטאָט אין וועלכער איך געפין זיך אין דעם מאָמענט און געהאַלטן אין שאָך במשך קאַרגע צוויי יאָר אַלע שפּאַ־נישע גדולים דאָ. און באַדראַט זייער לעבן און שיעור שיעור געבראַכט די גאולה פאַר זיינע אונטעריאָכטע ברידער, און פאַרענדיקט — אַ צעפליק־טער דורך פיר פערד, צו וועלכע עס זיינען צוגעבונדן געוואָרן זיינע הענט און פיס. ערשט דאַן, ווען זיינע הענט און פיס זיינען געווען גוט צוגעפּעס־טיקט צו די פערד, האָט מען די פערד געטאָן אַ צעיאָג אין פיר פאַרשייד־דענע זייטן אַריין און זיי האָבן געטאָן זייערס — צעריסן טופּאַק אַמאַרון אַ לעבעדיקן, אויף פיר שטיקער.

שפּעטער איז מיר אויסגעקומען צו זען, אַז נאָר איך האָב ערשט באַ־דאַרפט אַנטדעקן דעם נאָמען טופּאַק אַמאַרו. די באָליוויאַנער ווייסן שוין פון אים פון פריער. איינע פון די שיין אַספאַלטירטע גאַסן וואָס פירן צו דער צענטראַלער באַן־סטאַנציע אין לאַ פּאַס, הייסט טופּאַק אַמאַרו. הייסט עס, אַז אַזוי האָבן באַשלאָסן די הייניטיקע שטאָט־טאַטעס.

*

און איך האָב אָפּגעווינט אין לאַ פּאַס אַ שטיק צייט און שוין עפּעס געוווּסט וועגן טופּאַק אַמאַרון, אָבער וועגן זיין ווידער־אויפלעבער און קריוודע־אָנעמער, באַלעסלאַוו לעווין, נאָך גאָרנישט.

באַקענט מיט אים, האָב איך זיך ערשט אין מאָנטעווידעאָ. געווען איז דאָס אויף אַ רעפעראַט זיינעם אין ייוואָ־אָפּטייל. דער ערשטער איינדרוק — דער זעלבער וואָס עס האָט איטלעכער ווען ער באַקענט זיך מיט אים — אַ נאָדלער, אַ יאַזש; אויף יעדן־פאַל — אַ שטעכער און אַ נישט־צו־לאָזער צו זיך. עס האָבן באַדאַרפט איבערגיין עטלעכע חדשים, אָדער אַ פּאָר יאָר, ערשט נאָך אַנדערע עטלעכע טרעפונגען מיט באַלעסלאַוו לעווין, ביז איך האָב איינגעזען, אַז שטעכיק איז ער, אָבער נישט קיין נאָדלער. גיכער אַ „טונאַ", די באַרימטע פרוכט פון קאַקטוס. אויך מיט דער דאָ־זיקער פרוכט האָב איך זיך באַקאַנט אין באָליוויע און עס פלעגן מיך קיינמאָל נישט אָרן אירע שטאָך, ווייל כ'האָב שוין געוווּסט, אַז נאָכן איינ־בייסן זי, וועט מיר אַלץ באַצאָלט ווערן מיט זאַפטיקייט און אָפּפרישונג.

אַז איך האָב זיך צערעדט מיט באַלעסלאַוו לעווין וועגן באַליוויע און וועגן זיין בוך, האָב איך מיט שטוינען באַמערקט, אַז ער זאָגט נישט „טופאַק אמארו" ווי איך און ווי אַלע אינדיאַנער, נאָר גאָר „טופאַק אמאַרו", מיטן אַקצענט אויך דער „או", און איך האָב אָנגעהויבן פאַרשטיין: ב. ל. איז אין באַליוויע נאָך קיינמאָל נישט געווען, האָט נאָך קיין אינדיאַנער פאַר די אויגן נישט געזען און רעדט אַרויס דעם איימאַראישן נאָמען אויפן גרונד פון זיינע קענטעניש פון עטלעכע גוואַראַניאַישע ווערטער: קאַפּיקאַן טאַבאַרע, טוזשוטי, גוואַויזשו — איז אויך — אמארו.

און כ'האָב נאָך מער זיך איבערצייגט דערמיט, אַז ב. ל. איז אַ קריוודעאַנגעמער פון די אינדיאַנערס פאַרשפּילטן קאַמף, נישט ווייל ער איז חלילה בנוגע זיי סוביעקטיוו, אונטערגעקויפט פון פּערזענלעכער סימפּאַטיע, נאָר אויס ריינעם אָביעקטיוון האָבן אָפּגעוווויגן און אָפּגעמאָסטן דעם „פאַל" און דערנאָך זיך האָבן געשטעלט אויף דער זייט פון די וועלכע ער האַלט אַז זיי זיינען גערעכט. הייסט עס — אַ יושר זוכער, און גערעכטיקייט־פאַרטיידיקער. און כ'האָב שוין אוודאי אָנגעוווירן די „מורא" פאַר אים. ער איז מיר פּשוט געוואָרן היימישער.

צוביסלעך האָב איך זיך שוין דערוווסט, אַז ב. ל. איז טאַקע אַ לאָדזשער; אַז ער שטאַמט פון אַן אַרבעטער־משפּחה, אַז אין אָנגעמען זיך די קריוודע פון באַעוולטע האָט ער שוין אַ סטאַזש פון פוילן און אַז „טופאַק אמארו" איז נישט זיין ערשט בוך, נייערט ער האָט שוין ביכער פון פריער און ספּעציעל איינס וואָס הייסט „על כודיאַ ען לאַ עפּאָקאַ קאָלאָניאַל". (1).

און נאָך שפּעטער האָב איך אָנגעהויבן לייענען זיינע אַרבעטן וועגן אַנוסים אין אַמעריקע; וועגן גאַנצע און האַלבע און פינפטל און צענטליידן; וועגן מענטשן, וועלכע זיינען פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט פאַר דעם אומשעדלעכסטן וואָס עס קען נאָר זיין — פאַר פּילן אַ קאַפּעלע אַנדערש ווי די אַרומיקע. מענטשן וועלכע האָבן אַבסאָלוט אַזוי ווי אַלע אַרום, געגעסן דאָס וואָס אַלע, זיך געקליידעט אַזוי, גערעדט אַזוי, זיך פאַרוויילט, געדאַוונט, געלייענט, געהאַנדלט, געאַרבעט, עקספּלאָאַטירט, ליב געהאַט און געצאַרנט ווי אַלע אַרום. נאָר ערגעץ, אין אַ פּיצעלע מיקראָסקאָפּישן שפּאַרונקעלע פון זייער נשמה איז געבליבן, ווי אַ קליין

---

(1) „דער ייד אין דער קאָלאָניאַלער עפּאָכע"

נר־תמידל, א פייערדיק געפיל, א רעמיניסצענצעלע וועגן עפּעס אן עלטער־זיידן, וואָס איז געווען אַנדערש ווי די זיידעס פון אַלע אַרום. איז פאַר אַט דעם זכרל וואָס וואָלט שוין געווען געשטאָרבן צוזאַמען מיטן גוף פון לואיס דע קארבאכאל אָדער הערנאנדאָ אַלאָנסאָ אויף אַלע אייביקייטן, פאַר אַט דעם געפילעכל האָט מען זיי פריער געפּייניקט און שפּעטער, בפני קהל ועדה — פאַרברענט לעבעדיקערהייט אויף אַמעריקאַנער ערד.

און דאָס פייער פון יענע אויטאָ־דאַ־פעס אויף אַמעריקאַנער ערד ברענט ביז היינט אין באַלעסלאַוו לעווינס האַרץ, לאָזט אים נישט רוען, רייסט שטיקער און פאָדערט אַ תיקון און ער מוז דעם דאָזיקן תיקון געבן.. ער, דער לאָדזשער ייד מוז צאָלן מיט גאַנצע מעת־לעתן אַרבעט פון אַ ריז — אַ שקלאַף, כדי אַנצוזאַמלען די נייטיקע מאַטעריאַלן, זיי צו קלאַסיפי־צירן, שטודירן, אַרויסזיפּן דאָס נייטיקע, אָרדענען און אויפשרייבן דאָס וואָס טאָר נישט פאַרלוירן ווערן אין דעם גרויסן חשבון וואָס פירט זיך זינט יאָר־טויזנטער. דער חשבון צווישן גוטס און שלעכטס, צווישן רעכט און אומרעכט, צווישן יושר און רשעות, צווישן קין און הבל. מעג הבל הייסן טופּאַק אַמאַרו, אָדער דאַניאַ מאַריאַ דע קאַסטראָ.

נאָך גאָר אַ יונגער צוציק איז ב׳ ל. געקומען קיין אַמעריקע. אָבער זיין וועג צו היסטאָרישע פאָרשונגען, דערציילט ער, האָט ער נאָך גע־האַט דערטאַפּט אין פּוילן. דאַכט זיך, אַז 40 טעג איידער ער איז געבוירן געוואָרן, איז שוין אין הימל אויסגערופן געוואָרן, אַז ב׳ ל. וועט זיין אַ געשיכטע־פאָרשער און געשיכטע שרייבער. אָבער אַזוי ווי ער אַליין, ב. ל., האָט דעם דאָזיקן אויסרוף אין הימל נישט געהערט, האָט ער זיין וועג אויף דער ערד אַביסעלע געדאַרפט זוכן. קיין סך האָט עס אָבער ביי אים נישט געדויערט. דאַכט זיך, אַז ביי קאַרגע 20 יאָר האָט ער זיך שוין גע־גריבלט אין דאָקומענטן אין מיצקעוויטשעס לאַנד און ביי עטלעכע און צוואַנציק האָט ער זיך שוין געגראָבן אין אַלטע כתבים, דאָ אין דרום־אַמעריקע.

און אַבי ער האָט געפונען זיינס, האָט ער זיך שוין דערצו איבער־געגעבן מיט לייב און לעבן. נישט מיטן מאַקסימום, נאָר טאַקע מיט זיין גאַנצן וועזן. מיט זיין גאַנצן איך. אויף אַזויפיל, אַז עס איז אים מער נישט געבליבן קיין רגע פאַר אַ קליין ביסעלע פּערזענלעך גליק, וועגן וועלכן עס זינגט זיך אין אַ באַקאַנט יידיש פאָלקס־ליד.

אין דער צייט זיינען אויפגעוואַקסן זיינע ביכער: „על סאַנטאָ אַפּי־

סיא ען לא אמעריקא", (2) „לאס מאווימיענטאס דע עמאנסיפאסיאן ען היס־פאנא־אמעריקא", (3) און נאך אנדערע ארבעטן, קלענערע אין דער צאל זייטן, אבער נישט אין דער צאל אריינגעלייגטער ארבעט און אין זייער ווערט פאר דער מענטשלעכער קולטור.

ער האט אויך אין דער צייט באזוכט באליוויע, טשילע און פערו. אין באליוויע, האט מען מיר איבערגעגעבן, איז ער אויפגענומען געווארן ווי א קייסער. אין פערו האט ער זיך געדארפט באוואפענען מיט אן אנטי־גאז־מאסקע אויפן פנים כדי צו קענען זיצן שעה'ן און טעג אין די שווער־לופטיקע קעלערן, וו עס ליגן די יעניקע דאקומענטן, וואס ער האט גע־וואלט קענען, אין שייכות מיט דער אינקוויזיציע אין לימא.

אין אלע דריי לענדער האט ער געהאלטן לעקציעס אין די אוניווער־סיטעטן. לעקציעס צו וועלכע עס זיינען געקומען אוניווערסיטעט־פראפע־סארן, באגייסטערטע סטודענטישע יוגנט, יונגע דעפוטאטן און בכבודיקע מיניסטארן.

אין וואס ליגט זיין כוח?

ערשטנס — דער געבוירענער היסטאריקער אין אים. וואלט ער גע־ווען מגולגל געווארן קיין אפריקע — וואלט די וועלט אוודאי געווען געהאט היינט א גרינטלעכע ארבעט וועגן דער געשיכטע פון די נעגערם מיט וועלכע עס איז זיך דערוויייל מטפל אלבערט שווייצער. ווען ער קומט אן קיין ירוש־לים, איז ווער ווייסט וואס פאר א נייע מגילות ער וואלט שוין געווען דער־טאפט און דעשיפרירט.

חוץ דעם — זיין טיפער הומאניזם. זיין בריאיקע ליבשאפט צו מענטשן. מעג דער מענטש שוין היינט אפילו נישט זיין אויף דער ערד, ב. ל. מוז זיך אבער אננעמען זיין קריוודע, אים רעהאביליטירן אפילו יאר־הונדערטער נאכן פיזישן טויט.

און צום סוף — זיין פארמע פון שרייבן: אי פרעציז, אי קורץ און שארף, אן פליטערלעך און אן מליצה, אבער גלייכצייטיק — באלעבנדיק, גלייך ווי ער וואלט אין די באשריבענע אריינגעאטעמט א רוח חיים און זיי וואלטן ווידער אמאל באקומען הויט און פלייש און בלוט אויף זייערע ביינער אדער אויף זייער אש, און זיי וואלטן ווידער אמאל, א דאנק דעם

---

(2) „די אינקוויזיציע אין אמעריקע".
(3) „די עמאנציפאציע־באוועגונג אין שפאניש־אמעריקע".

מכשף, באַקומען לשון און אָנגעהויבן אויסצולעבן זייערע פאַרקירצטע יאָרן.

צו דעם אַלעמען קומט צו זיין אויסערגעוויינלעכע באַשיידנקייט. אין אַ צייט ווען צענדליקער שרייבערס יאָגן זיך אַרום, ווי אויף אַ יאַריד, מיט טעקעס אייגענע ביכער, אין דער זעלבער צייט ווערן ב. לעווינס ביכער אַרויסגעגעבן דורך ערנסטע פאַרלאַגן, וועלכע מאַכן נישט קיין שלעכטע געשעפטן ביי די טויזנטער עקזעמפלאַרן, און דער מחבר בלייבט מיט דעם אויף וואָס יעדער עכטער מחבר האָרעוועט אייגנטלעך — מיט עולם הבא.

ער מאַכט קיינעם נישט רייך, פאַדערט פון קיינעם נישט גאָרנישט און האָט צו קיינעם נישט קיין טענות. ער ווייסט אַז אין דעם וואָס ער איז ער — איז קיינער נישט שולדיק און אפילו ער אַליין אויך נישט. אַזוי איז ער און אַזוי מוז ער זיין. האָט דען אַ גוסנבוים עפּעס טענות וואָס עס וואַקסן אויף אים ניס? אַט דאָס האָט ער און דאָס גיט ער. ניס־פּרעסערס וועלן זיך שוין אין אַלע צייטן געפינען. און וואָס שייך זון און לופט, און רעגן און ווינטן, וואָס אַ נוסנבוים דאַרף האָבן אין לעבן אַריין — דאָס קענען קיין ניס־פּרעסערס סיווי נישט געבן און דער ניסנבוים קען זיך אַליין זיין שטעטל באַשטיין.

אַזוי זעט ער מיר אויס.

און ווען איך גיב נאָר אַ טראַכט, אַז ער האָט באמת געקענט פאַר־בלייבן אין פּוילן, אָדער מגולגל ווערן קיין יאָהאַנעסבורג, און פאַרוואָרפן געוואָרן איז ער נאָר אַהער, צו אונדז, קיין דרום־אַמעריקע — טראַכט איך אַז עס איז אונדז צו עפּעס מחייב. אונדז — מיין איך אַלע יידן פון דרום־אַמעריקע, וועלכע געניסן זייער אַ סך פון באַלעסלאַוו לעווין. זיי ווייסן אפילו גישט ווען, זיי קענען אַמאָל אפילו נישט זיין נאָמען, אָבער זיי גע־ניסן פון אים. באַליוויאַנער אָדער פּערואַנער הויכע מענער קוקן אפשר אַנדערש אויף „זייערע" יידן, זינט זיי האָבן זיך דערוווסט, אַז דער מחבר פון „טופּאַק אמאַרו" איז דער לאַדזשער ייד, באַלעסלאַוו לעווין.

ווען איך געפין זיך אין זיין מחיצה קען איך זיך נישט באַפרייען פון אַ מאָדנע געפיל, וואָס אָטעמט מיט וואָרעמער פרייד און אַביסל מיט איי־זיקער קעלט.

עפּעס פיל איך, אין זיינע דלת אמות, נישט נאָר די אָנוועזנהייט פון באַלעסלאַוו לעווין דעם געשיכטע־פאָרשער און געשיכטע שרייבער, נאָר אויך און פונקט אַזוי אויך די אָנוועזנהייט פון די אַלע וועלכע ער האָט

אויפגעלעבט און רעהאביליטירט און פאַרפּיקסירט מיט זיין שווערער מי. עס קוקן אויף מיר מיינע ברידער די אַנוסים, די געךודפטע און פאַרברענ־טע לעבעדיקערהייט. און עס קוקט אויף מיר דער „ווילדער" אינדיאַנער־פירער טופּאַק אמארו. און ווען איך פאַרנייג זיך פאַר באַלעסלאַוו לעוויז, פאַרנייג איך זיך נישט נאָר פאַר אים, נאָר גלייכצייטיק פאַר זיי אַלע, די קדושים, ווענמענס פרייוויליקער קדיש ער איז.

אין אַ פֿאַרוואָרלאָזטן דאָרף פֿון מענדל מאַן

אז דו פארענדיקסט איבערלייענען די לעצטע שורות פון מענדל מאנס ראמאן „אין א פארוואָרלאָזטן דאָרף" און דו טוסט זיך אליין א פרעג: וואס איז דער שטאַרקסטער איינדרוק וואס בלייבט דיר פון בוך? וואס איז דערין דאָ עפּעס אזוינס וואס דאָמינירט, נעמט־ארום, האלט־צוזאמען און איז, דערפאר, כאראקטעריסטיש? מוזטו דיר ענטפערן מיט איין וואָרט: פּאַטענץ. עפּעס אזא מין גרונטלעכע, פון די טיפענישן פון דער ערד־ארויסשפּראצנדיקע, בראשיתדיקע פּאטענץ, וואס פליִצט מיט זיכערקייט, מיט פעסטקייט, וועלכע מען קען נאָר פילן ווען מען שטייט מיט ביידע פיס פעסט אויף אייגענעם באָדן. א באָדן וואס אי דו קומסט ארויס פון אים און אי ער איז דער פּראָדוקט פון דיין מי און פּראצע. אזא שטיין פעסט מיט ביידע פיס אויפן אייגענעם באָדן — גיסט אריין קראפט אין אלע דיינע אברים, און עפּעס ווי דו וואָלסט אויסגע־וואקסן אלץ העכער און העכער, און דאָך, ביי דיין גאַנצער הייך, וואָלסטו געבליבן אַן אייגענער מיט אָט דער ערד און אירע באַשעפענישן.

אזא געפיל בלייבט דיר פון אָט דעם ראָמאַן.

און וויפל דו זאָלסט דיר נישט וועלן איינרעדן, אז „נאָר אלעמען" איז דאָך עס „נישט מער ווי א ביכל", ליטעראטור, א ראָמאַן, קענסטו זיך נישט באַפרייען פון שלום עליכמס זאָג: „צו וואס ראָמאַנען — אז דאס לעבן איז א ראָמאַן?" און עס זאָל זיך דיר נישט רק גלויבן, אז מענדל מאנס ראָמאַן איז טאָקע ווירקלעכקייט, פּשוטע רויע ווירקלעכקייט —

אזוי רעאל און ארגאניש איז דא אלץ. אזוי ארויסגעוואקסן פון און אריינגע־וואקסן אין לעבן, און אזוי ערלעך־איידל צו די דינסטע נשמה־איבערלע־בענישן פון די הויפט־העלדן פון בוך.

אן שום כוונה פון פארגלייכן, טראכסטו פארט, אז ווען אונדזערע גרויסע מייסטער אש און אפאטאשו, שילדערן מענטשן פון פאלק, קצ־בים אדער באלעגאלע־יונגעו, איז דעריין פאראן מייסטערשאפט, איז דא פאראן די גאט־געבענטשטע אייגנשאפט פון קינסטלער אריינצודרינגען אין די נשמות פון אנדערע מענטשן און אנטפלעקן יענעמס פארבארגע־נישן. אבער ביים לייענען מענדל מאן — האסטו נישט אזא געפיל. דא איז נישט פאראן — טראכסטו — קיין שום „אויפטו" דא שילדערט נישט קיין שרייבער פויערים, נאר א פויער שרייבט פשוט און עכט וועגן אייגענעם, און עס באקומט זיך דערפון אליין א ווערק פון אן עכטן שריי־בער. מיר זיינען געוווינט זיך צו בלאזן קעגן ככל הגוימדיקייט, אבער אין מענדל מאנס ראמאן איז פאראן אזא עכטקייט וואס דערמאנט אין גוישער עכטקייט און שאקירט דאך נישט. אדרבא. ווייל אין דער אמתן איז עס דאך אזוי: זיין אזוי ווי אלע גוים, ווי אלע מענטשן, אבער פאר־לירן דאס יידישע — טויג נישט; זיין א ייד ווי ביז איצט און נישט האבן דאס וואס עס האבן אנדערע און מיר נישט — טויג אויך נישט. אבער פאריניקן, צואייניקן דאס ככל הגוימדיקע צום אייגענעם יידישן — דאס איז שוין עפעס אנדערש. און דאס געשעעט ביי מענדל מאן. זיין אזוי טיף ארויסגעוואקסן פון ערד, אזוי צונויפגעוואקסן מיט אלע אירע קינדער־פלאנצן, דערנער־קוסטן, ווילדגראזן, אזוי ווי מאן איז דאס, זיינען מיר געווויינט, קען זיין נאר א נישט־ייד. דאס ערשטע מאל ווי דו לייענסט א בוך, וו עס ווערט געוויזן דער שידוך ייד־ערד און דו פילסט נישט קיין שום געמאכטקייט, קיין שום גוטע כוונות, קיין שום אזוי דארף־מענקייט, נאר אלץ קומט פשוט ארויס אמתדיק, ווי דו וואלסט זיך אנגעשפיגלט אין וואסער פון א זויבערן קוואל, וואס ווייסט נישט פון קיין חכמות און גיט דיר דאס וואס איז.

דער הויפטהעלד, מוינע, איז א יידישער יונגערמאן פון פוילן. זיי־נע זיידעס זיינען געווען ערד־ארבעטער אין א דארף, קוכאר. א יידיש דארף וואס איז צוזאמען מיט אנדערע יידישע דערפער אמאל געשאפן געווארן דורך א יידישן פריץ, א יידישן גוט־באזיצער, פאזנער. פון דא־נען שטאמט מוינעס צוגעבונדנקייט צו מאמע־ערד. מיט דער צייט האבן

אָבער יידן פֿאַרלאָזט דאָס דאָרף קובאַר און מוינע אַליין האָט שוין נאָר ביז זיין צען־יאָריקן עלטער געלעבט אין דאָרף. דאָס איז אָבער געווען גענוג פֿאַר אים, אַז אויב ער איז נישט געבליבן אַלס אַ טייל פֿון דאָרף, זאָל אָבער דאָס דאָרף בלייבן אויף זיין גאַנץ לעבן — אַלס אַ טייל פֿון אים.

שפּעטער לעבט ער איבער די צווייטע וועלט־מלחמה, עס טוט אים ווי די אויסגעוואָרצלטקייט פֿון קובאַרער ערד און נאָך לאַנגע, שווערע איבערלעבונגען, קומט ער אָן מיט אַ מעפּילים־שיף קיין ארץ ישראל. גלייך פֿון פּאָרט ווערט ער אַנגעבראַכט מיט אַנדערע יידן אין אַ פֿאַרוואָרלאָזטן אַראַבישן דאָרף און אַז לאַנגע שהיות נעמט ער זיך באַלד צו דער אַרבעט: ער האַנדלט איין אַ פֿערד, ריכט אויס אַ חרוב הויז אויף צו קענען דער־ווייל דעריין וווינען, קויפֿט זיך איין אַן אַקער און פֿאַראַקערט דאָס ערשטע שטיק ערד אין פֿאַרוואָרלאָזטן דאָרף. און דערנאָך „זעסטו" ווי ער וואַקסט, ווי ער מוטשעט זיך שווער און ביטער און ווי די רויטע ערד צאָלט אים אָבער אָפּ אויף אַזאַ מילדן אופֿן פֿאַר זיין שווערער פּראַצע.

אָט מיינסטו שוין אַז דאָס גאַנצע בוד וועט אַוועקגיין ווי אַן אידילי־שער מזמור. ער האָט חתונה מיט אַ תימנער מיידל, וואָס אַרבעט ביי אים פֿריער אין גאָרטן, אויפֿן טאָג. אָבער ס'ניט אַזוי. די מענטשלעכע נאַטור איז פֿול מיט סתירות און איידל־דינע סודות. מוינען גייט נאָך זיין פֿאַרגאַנגענהייט. עפּעס איז פֿאַראַן ביי אים אַ נישט־אויסגעליבטע ליבע, אַ נישט־באַפֿרידיקטקייט, אַן אומרו. דער אומרו הייסט — יאַלאַנע. יאַלאַנע פּאָזנאַנסקאַ, אַ יידיש מיידל פֿון פּוילן, די טאָכטער פֿון פּוילישן סענאַטאָר סטאַניסלאַוו פּאָזנער. יאַלאַנע איז שוין געווען אַ עכטע פּאַ־ליאַטשקע, אַ באַרימטע אָפּערע־זינגערין, אַ פֿאַרגעטערטע ביים פּוילישן פּובליקום. אָבער די מלחמה־יאָרן האָבן זי געלאָזט שטיין אַן עלנדע אויף די ברעגן פֿון דער ווייסל — כאָטש וואָרף זיך אַריין אין אירע כוואַליעס און אַנטרין דאָרט, נאָר דאָרט, פֿון די רוצחישע נעגל. יאַלאַנע ווערט פֿאַרוואָרפֿן קיין קובאַר, דאָס געוועזענע יידישע דאָרף וואָס איר זיידע האָט אַמאָל געגרינדעט. דאָס אייגענע דאָרף ווו מוינעס זיידע, עליאַש, איז אַמאָל געווען אַ פּויער. דאָרט באַקענען זיי זיך ביי מאָרנע באַדינגונ־גען, באַהאַלטענע אין אַ היי־שייער. אָט פֿאַלן זיי ביידע שיעור אַריין אין די נאַצישע הענט און מוינע ראַטעוועט זיך און יאַלאַנען. ראַטעוועט איר לעבן, אָבער רירט זיך צו איר נישט צו. הגם זיין גאַנץ וועזן ציט זיך דער־

צו און הגם יאַלאַנע אַליין לעבט נאָך דעם, געשעט עס נישט, ווייל ער באַטראַכט זי ווי עפּעס אַ נישט־די־וועלטיקע שיינקייט וואָס איז פאַר אים טאַבו. אַט דער אָנדענק פון יאַלאַנען לאָזט מוינען נישט רוען אַפילו ווען ער איז שוין אַ באַווייבטער און האַלט שוין ביים ווערן אַ טאַטע אין ישראל.

שפּעטער קומען אַנדערע געשעענישן־פאַרפלעכטונגען. יאַלאַנע ווערט געראַטעוועט על פּי נס אַ דאַנק דעם איטאַליענישן קאָנסול אין קראַקע, וועלכער האָט אַנטדעקט, אַז ער אַליין שטאַמט נאָך פון יידן און אַז זיין זיידע איז אַמאָל געווען אַ לערער ביי די פּאַזנערס אין קוכאַר.

עס פעלט דיר איין אַ מאָמענט, אַז ס'איז אַן אויסגעטראַכטע, צו־פיל פאַנטאַסטישע געשיכטע. אָבער אַט דערמאָנסטו זיך, אַז אַזעלכע זאַכן זיינען שוין געשען. אַט איז פאַראַן אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ „שוץ־דאָקו־מענט" אין בוך „אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געגנטן" פון טאַניע פוקס. זעסטו דאָרט אַזוינס: אויף אַן אָפיציעלן בלאַנק פון דער טשילע־נער לעגאַציע אין בוקאַרעשט איז אויפגעשריבן אויף דריי שפּראַכן — שפּאַניש, רומעניש און דייטש: „די לעגאַציע פון טשילע באַשטעטיקט, אַז די פּוילישע בירגערין טאַניע פוקס איז פאַרשריבן אין רעגיסטער פון פּוילישן אַפּטייל ביי דער דאָזיקער לעגאַציע און געפינט זיך אונטער דער הויכער שוץ פון דער טשילענער רעפּובליק". בוקאַרעשט, דעם 1־טן יולי 1942. אונטערגעשריבן: סאַמועל דע קאַמפּאַ — מיניסטער פון טשילע.

און דאָס אַלץ האָט סאַמועל דע קאַמפּאַ געטאָן פאַר טויזנטער יידן, ווייל ער האָט געוווסט במסורה, אַז ער שטאַמט פון אנוסים, פאַר וועמענס אויגן עס האָבן געפלאַקערט די פלאַמען פון שפּאַנישע אויטאָ־דאַפעס.

אַז דו ווייסט דאָס, איז דיר שוין אַזוי נישט וויכטיק צי סיניאָר סאַנינאַס זיידע איז טאַקע געווען אַ ייד און צי נאָר דערפאַר האָט ער גע־ראַטעוועט יאַלאַנע פּאַזנער און מיט איר געקומען קיין ארץ ישראל.

און ווי אַ קולמינאַציע פון דעם דאָזיקן געפילן־פּלאָנטער קומט יע־נער מאָמענט ווען חמרה, מוינעס תימנער ווייב, זאָגט צו איר מאַן, ווען יאַלאַנעס באַזוך ביי זיי: „כ'קען נישט פאַרגעסן ווען זי האָט זיך צוגעבויגן צום וויגעלע און אַ קוש געטאָן עלין. איך האָב אַ ציטער געטאָן. כ'ווייס נישט צי דאָס איז געווען אומרו אָדער פרייד, אפשר ביידע צוזאַמען... און נאָך דעם ווי זי האָט אויפגעהויבן אירע שיינע אויגן, זיינען זיי גע־ווען מיט טרערן...".

און אזוי זעסטו נאך אנדערע אינטערעסאנטע טיפן. דאס רוסישע מיידל מארוסיע וועלכע וויינט זיך אויס די אויגן נאך די פרוכטבארע פעלדער ביי דער וואלגע, דא אין דעם מדבר־זאמדיקן ארץ ישראל. און צום סוף — מאכט זי גאר א לייט פון איר מאן, דעם יידישן מאטראס פיניאק, וועלכער ווערט אויך, א דאנק איר און א דאנק מוינעו, אן ערד־ארבעטער. און די פריינטשאפט צווישן דער רוסישער מארוסיע מיט דער תימנעריין חמרה. און המרהם מאמע, צלחה, די אלטיטשקע וועלכע אלע יידישע ווייבער, פון ווארשע און פון רומעניע און פון מונקאטש, האבן ליב; ווען מען „ברוך השם" פליסט זיך צוביסלעך אריין אין זייערע ני־גונים און אין זייער לשון. און דער איינזאמער מידרע, וואס לעבט אפגע־זונדערט, ווייל עס גייט אים נאך דער געוויסן־פיין פארן האבן איבערגע־געבן יידן צו די נאצים. און זימרה — וועלכע אנטלויפט מיט די אראַ־בער און קומט צוריק.

פאראן נאך עפעס פאר וועלכן מענדל מאן האט זיך נישט אפגע־שראקן און עס ארייגעשטעלט. דער מאמענט ווען נאך עטלעכע חדשים פון זייער אפזיין אין פארווארלאזטן אראבישן דארף — באווייזט זיך דעריין אן אראבער. אן אלטער אראבער וואס איז צוריקגעקומען, ווער ווייסט פון וואס פאר א וויטע וואנדערונגען, און זיצט שעהענלאנג לעבן אן אויסגעטרוקנטער קאריטע, ביים ברונען. זיצט און שווייגט. פאראן אזויפיל צער אין זיין שטומקייט. און ווען מען רינגלט אים ארום און עס הערן זיך א פאר נישט־פריינטלעכע ווערטער, שפרינגט ארויס א פרוי — א יידישע פרוי, וועלכע איז אמאל, פונקט ווי דער אראבער איצט, צו־ריקגעקומען אין איר היימשטאט צווישן פאליאקן. זי דערמאנט זיך יענעם מאמענט און זי גיט דעם אלטן אראבער ברויט און נעמט אים אונטער איר שוץ. און מענדל מאן גיט צו: „די געסל־יידן זיינען אהיימגעגאנגען מיט א סך טרויער, מיט אומרו, וואס האט אויפגערודערט די איינגע־שטילטע און האלב פארדרימלטע זכרונות. עס האט זיך געדרייט א ראד, דאס ראד פון גורל, פון מענטשלעכן גורל אין א קאפשווינדלערישער שנעלקייט: היים, היימלאזיקייט, חורבן, פרעמדענישן, ווייטקייטן, שיפן אויף ימען און ווידער היים. און איצט האבן זיי צום ערשטן מאל דער־פילט, אז דאס איז נישט בלויז יידישער גורל, נאר גורל פון מענטש, פון פעלקער, פון דער גאנצער וועלט..."

עס איז זיך גארנישט צו חידושן אויף אט דעם טיפן הומאניזם ביי

מענדל מאַן, ווען דו נעמסט אין אַכט אַז עס איז פֿאַראַן ביי אים טיפֿער הומאַניזם אפילו ביים שילדערן, ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט זיין, פּלאַנצן. ער האָט אַ פּאָר זייטלעך ווו ער שילדערט צוויי ביימער וועלכע וואַקסן איינס לעבן ס'אַנדערע. אַ טאָפּאָליע — אַ פֿאַרבלאָנדזשעטע פֿון ווייטע סלאַווישע סטעפּעס און אַ פּאַלמע — אַ הי־געבוירטיקע. די „פֿריינטשאַפֿט" פֿון די צוויי ביימער, זייער שכנותשאַפֿט און גוט־לעבן — ביז אַ טראַקטאָר שניידט אונטער די טאָפּאָליע. און די פּאַלמע, וועמענס וואָרצלען זיינען געווען צונויפֿגעפֿלאָכטן מיט די וואָרצלען פֿון דער טאָפּאָליע, פֿאַלט במילא אום, נאָך איידער דער טראַקטאָר קומט צו איר צו. די פּאָר זייטלעך זיינען פֿון די רירנדיקסטע, פּאָעטישסטע אין בוך און קענען זעלבסטשטענדיק אַריינגעשטעלט ווערן אין יעדן ערנסטן לערן־בוך פֿאַר קינדער.

אָבער דער הויפּט־העלד אין מענדל מאַנס ראָמאַן בלייבט די ערד. מאַמע־ערד. אַ גרויסער באַליוויאַנער שרייבער, כאַימע מענדאָסאַ, האָט אַמאָל אָנגעשריבן אַ בוך „עז לאַס טיעררא דעל פּאָטאָסי", האָט נישט קיין אַנדערער ווי רובען דאַריאָ וועגן דערינען געזאָגט, אַז דער הויפּט־העלד אין דעם בוך איז דער ווינט. דער אייביק־שמייסיקער ווינט איבער דעם באָליוויאַנער הויכלאַנד, וואָס אַז אַרטיקער שרייבער מוז ליב האָבן, ווייל ער פֿאַרמאָגט עס אין זיינע אָדערן.

אין מאַנס בוך איז דער הויפּט־העלד די ערד. די ערד מיט אַלע אירע באַשעפֿענישן. צענדליקערליי פּלאַנצן און דערנער וואָס מאַן קען יעדן פּאָר זייערן, יעדער קעמרל, יעדער קנייטש, און שילדערט אַלע פּראָצעסן פֿון זייער לעבן ווי אַ קינדער־דאָקטער וואָלט געצערטלט מיט ליבשאַפֿט די וואַקס־פּראָצעסן פֿון אַן עופֿעלע.

אין דעם ליגט אפֿשר דאָס קרעפֿטיקסטע פֿון דעם קרעפֿטיקן ראָמאַן.

און אָט איז אַ ציטאַט פֿון בוך וואָס רעדט פֿאַר זיך אַליין: „אַן אויסטערלישע ערד, אַזאַ וואָס דו זעסט נישט אין דער גאַנצער וועלט — האָט מיט התפּעלות גערעדט מוינע צו די שכנים, — אַ גאַנץ יאָר קען דאָ וואַקסן! זומער און ווינטער! פֿרילינג און האַרבסט! פֿאַרזיי נאָר, רייס אַרויס דאָס ווילדגראָז! באַוואַסער! און ס'וועלן שטענדיק גרין זיין די בייטן, ס'וועט זיך גרינען אויף זיי דאָס קרויט, די מייערן, די ציבל, וועסט האָבן פּאַשע פֿאַר די בהמות! קוקסט צום ערשטן מאָל אַז די ערד און אַן אימה נעמט דיך אַרום. אָט אַ די רויטע ערד, די פֿאַרברענטע,

די פאַרדאַרטע און פאַרקוואַרטע, אַ באַפּאַנצערטע מיט אַן ערד־שאָל, פול מיט דערנער און ווילדגראַזן — אַט אַ די ערד האָט אין זיך אַזעלכע פאַר־באַרגענע כוחות אַנצוגיסן די פּירות מיט זאַפט און האָניק".

מיט זאַפט און האָניק — מיט וועלכע עס איז דורכגעזאַפּט אַט די נייע פּרי אַליין, דער ראָמאַן „אין אַ פאַרוואָרלאָזטן דאָרף", וואָס איז אויפ־געוואַקסן אויפן באָדן פון ארץ ישראל. גלייך ווי דער מחבר וואָלט אַליין דירעקט געזויגן די דאָזיקע לעבנס־זאַפטן פון דער מאַמעדיקסטער ערד אויף דער וועלט פאַר אַ יידן — די ערד פון מדינת ישראל.

ביז איצט דערשינענע ביכער אין פאַרלאַג „זריעה״:

זעליק באַרדיטשעווער — לידער מיט ניגונים

איציק וויינשענקער — פאַר אַלט־נייע התחייבותן

שמואל איזבאַן — די שטאָט פון צאָרן (ניו־יאָרקער דערציילונגען)

איציק וויינשענקער — פשוט מתוך ליבשאַפט

ווערט געגרייט צום דרוק:

בויערס און מיטבויערס פון יידישן ישוב אין אורוגוויי

(געזאמלט און רעדאַקטירט פון י. וויינשענקער)